36 [illegible]
DC

1
68273

# דברי יושר

דיזער ספר וואר ביז אהער נים גידרוקט נאר גישריבן, עס זיינן אין אים די שענסטע מאמרים צוזאמע גיקליבן, דברי מוסר מיט זייער שיינע ספורים, וואש פאסין זעלבסט פאר בתולות אונ בחורים, אונ פשיטה שוין פר אנדערע לייט, פון אונזר נייע צייט, עס איזט ארעצעפט פאר יעדין שמערץ, וואס איינר האט אין זיינעם הערץ. ער קאסטעט ווייניג, אונ מאכט דאך דעם מענשין מיט זיך איינינג, דען ער מאכט אשלום צו וישין קערפער אונ זייל אונ פער שאפט דעם מענשין איין איביגין הייל (גליק):

ווילנא

בדפוס ר' שמואל יוסף פין, ור' אברהם צבי ראזענקראנץ.

שנת תרכ"ד לפ"ק

ДИВРЕ МУСАРЪ,

т. е. Моральныя Статьы. Соч. Ш. Ціонсона.

Одобрено Цензурою

1[illegible] Февраля 1863 года Вильно.

ВИЛЬНО

въ Типогр. С. І. Фина и А. Г. Розенкранца.

1863.

1
6827

27 - 8 '55

35 - 32

4,10 - 44

ORGANIZED IN GROUPS OF 3

QUOTE 32-34, 44-5

# הקדמה

בתורתנו הקדושה נאמרה כי האדם עץ השדה) אונזרע הייליגע תורה פארגלייכט דעם מענשין דארטין אין פרשה שופטים צוא איין בוים וואש וואקסט אין פעלד · נוא איז שוין מסילא מובן דאס איין יונגר מענש איז גיגליכן צו איינגן בוימעלע וואש איז איין גיפלאנצט אין איין פרייען פלאץ · וואו דר ווינט וויט זייער שטארק אונ גוואלטיג אונ שטורעמט לויז אויף אים פון אלע זייטין · דאס דר גערטנירער (אגרארניק) וואס איז באוואורנט ווענין אים דאס דר שטורעם זאל אים ניט איין ברעכין מוז ער אים צו בינדין צו איין שטיינגיל וואס ער איז גימאכט פון איין פיל עלטערין בוים אלס ער איז אונ וואס ער איז שוין גינוג שטייף אונ שטארק אים אויפרעכט צו האלטין · דאס דר ווינט זאל שוין ניט מער פארמעגין אים צו באוועגין · ביינגן · אבער ביינגן · אזוא אויך מוז יעדר יונגר מענש הן אמאנשפארשוין אונ הן אנוייבספארשוין וואש האט שוין איבער זיך מער קיין משגיח אונ איז אויסגישטעלט נאגין פריי צוא די גרויסע שטורעמס פון אלע תאוות (ליידענשאפטען) וואש ווילין אים אויש רייסין פון ביידע עולמות מוז ער ווען ער האט נאר חס איבר זיין יונגעם לעבין וויא דר גערטנירער איבר זיין יונגין בוימעלע צו בינדין זיינע שוואכע אונ יונגע דעה צו די שטארקע דעה פון עלטערע אונ פרימערע מענשין אלס ער איז וואש זייערע מיינונגען זיינען





שוין שטאנדהאפט אונ פעסט אונ לאזין זיך שוין ניט מער וויגין אונ טריבין דורך דעם גרעסטין שטורעם פון דער לוסט:

ומהיות כי אין נפרץ אדם יקר כזה בארץ) אונ וייל עס איז אין דר וועלט נאגין ווייניג דא אזעלכע בראווע לייט וואש מען זאל זיך דורך זייא פירין לאזין · אונ דר צו נאך האט מען דאך ניט אלע מאל איינע גילעגנהייט צו צו קומען צו זיי · דאריבער איז דאס גלייכסטע זאך פר יונגע לייט דאס זיי זאלין לייענען איבער די ספרי מוסר (מוראלישע ווערק) וואס עס האבין זיי מחבר גיוועזן אנשים חכמים אונ צדיקים · אזוא אספר אין שטוב איז דר בעסטער פריינד וואש דוא קענסט זיך מיט אים באשפרעכין אלע צייט אונ וועט דיר אויך קיינע גרויסע הוצאה אן מאכין דוא וועסט נאר גוטעס פון אים הערין · אונ וועסט זיך פון אים לאנגע עהרליך גינערין:

אך לעניננו) צום אומגליק אבער זיינן אונזרע ספרי מוסר על פי רוב גישריבין אין הויכע לשון הקודש וואס דר פראסטער עולם קענן זייא ניט פארשטיין אונ בפרט פרויען אונ מיידכען וואס האבין קיין מאל גילערינט לשון קודש · אונ דיא עטליכע ספרי מוסר וואס זיינען שוין גישריבין אין אידעשע טייטש זיינען שוין גאנץ אלט אונ פאסין שוין נאר ניט פאר אונזרע דורות · דען עס האבין זיך אין אונזרע צייטין אומגיענדרט די מוראלישע פעלערין (זעלין קראנקהייטין) ווי די פיזישע פעלערין (קערפערליכע קראנקהייטין) אונ וויא עס איז ניט מיגלאך צו היילין די נייע קראנקהייטין מיט דיא רפואות וואס מאן גיפינט גישריבן אין די אלטע ביכער פון די אלטע דאקטורים וואס זייא ווארין אפילו

באמת אזעלכע גרויסע יודעים וואס האבין ניט זייער גלייכין בדורנו זה · און דאס איז ווייל דיא נאטור פון מענשין האט זיך זייער פיל גיענדרט · אזו אויך איז אונמיגלאך אים צו בעסערין די פארדארבנהייט פון אונזרע זיטין פון אונזער נאייעם דור מיט די דברי מוסר פון די עלטערע ספרים אליין וואס זיינן גישריבין אין אידעשע טייץ · און בפרט דאס אונזרע נאייע וועלט איז אדור חכם בעיניו און פאר אכטין און פארלאזין יעדין ספר וואס גיפינט זיך אין אים אזוי אזאך וואס פאסט ניט באמת פאר דעם יונגין דור · ער פארלירט דורך דעם ביי זיי זיין ווערט · און ווערט ניט גיהערט :

אי לזאת קמתי אנכי האחרון באחרונים) דאהער האב איך דר קלענסטער אונטער דעם קלענסטין זיך פאר איין מצוה גינומען דיזען פעלער איין עטוואס אום צו בעסערין איך וועל דא שרייבין אין אידעש טייץ איניגע מאמרים איבער אזעלכע ענינים וואס אונזער נייער דור ווערט זייער נכשל אן זיי · ווייל עס איז נאך גאנץ ווייניג גישריבין גיווארן וועגין דעם · און ווערין דורך דעם פאר דארבין דאס זיי קענען שוין ניט פאר דאייען קיין דבר מוסר שבעולם · איך וועל דא ניט ריידין וויא איין מוכיח וואס מאכט אלע ענייני עולם הזה צו נישט · און מיינט איין וועלט פרום צו מאכין · ניין · איך וועל ביידע ניט טאן ווייל איך ווייס מען קען אזעלכט בשום אופן ניט פרום מאכין · און דאס דאס די ענייני עולם הזה זיינן גישאפין גיווארין אום נור דעם מענשין דר מיט גליקליך צו מאכין ווען ער גיניסט זיי אין דר רעכטער צייט און אין דר רעכטער מאס · און נור אום דיזע ביידע (צייט

און



און מאס) ריכטיג צו באשטימען טרעט איך דא אויף אין דיזין קליינעם ספר אלס ווי איין גישיקטער אפטייקער וואס ווייש צו צו וועגין די ארצטעקולין נאך דעם פאר שריפט פון די גישיקטע דאקטורים און ווייטער ניט · איך האב עס גישריבין נאך דעם גישמאק פון דר היינטיגין וועלט און דאך שטימט ער איבער איין מיט די דעות פון אונזער תורה הקדושה און מיט די דעות פון חז"ל · דען וויא דער בורא ברוך הוא האט באהאלטין אין זיינער בריאה כמה ענינים און סגולות וואס די אלטע וועלט האט דער פון ניט גיוואוסט און ניט גיברויכט און ערשט אין אונזרע צייטין איז עס נתגלה גיווארין און מאן האט עס אן גיהויבין זייער שטארק צו ניצין · אזו האט אויך אונזר תורה און אונזרע קדמונים באהאלטין זייער פיל דברי מוסר ודברי חכמה אין זיך וואס ווארין ביז אהער גאנץ פארדעקט און נסתר און ערשט אין אונזרע דורות זיינן זייא נגלה גיווארין און ווערין באנוצט זייער קלוג און גישיקט פון דיא חכמי זמננו · נון האב איך וויא איין גוטער זאמלער אויף גינומן זייערע גילדנע דעות און האב יעדע דעה און יעדין מאמר אריין גישטעלט אין זיין ארט און שטעלע וואו אים פאסט · וויא בורלאנטין אין איינער קיניגליכע קרוין · איך גלויב דאס מיין לעזער און לעזערין ווערין מיט לוסט לעזין דיזין קליינעם ספר · און ווען איך וועל מיך גיפינין ניט בעטראגין אין דיזער האפנונג · דאן וועל איך מער שרייבין · דען איך האב דא נאך גאנץ ווינציג גירעט · און וויא קען מען נאך אזוא פיל ריידין און שרייבין אלין אין ענייני מוסר · ווייל זייא זייגען נוגע אלע קלאסין מענשין · יונג און אלט · ארעם און רייך · עס איז

דעם

דעם מענשין, מאלס צו שפעט בעסר צו ווערין. בין אונזר לעצטע, מינוט האבין מיר נאך אלין צוא ערלערנען אונ צו ערפאהרין. דר שפריכווארט זאגט דר טעות איז אויף אויילע. די חרטה אבער איז אויף אמעלה:

ולכן אשרי האיש אשר על ביתו לא ישען) דאריבער גליקליך איז דר מענש וואש פאר לאזט זיך ניט אויף זיין אייגענע דעה אונ איז זיך מישב אימער מיט דיא דעות פון ערפארענע מענשין וויא איין רייזענדער וואש פרעגט זיך נאך ביא די צו ריק רייזענדע איבער וועלכע וועג איז בעסער צו פארין אום צו קומען אויף דעם ארט וואו ער ברויכט ווי דר נביא זאגט: עמדו על דרכים וראו ושאלו לנתיבות עולם איזה דרך הטוב ולכו בה ומצאו מרגוע לנפשכם דאש הייסט. שטעלט אייך אפ ביי דיא שטראזין אונ פרעגט נאך וועלכע וועג איז דיא בעסטע אונ גייט אין איר אונ בלייבט רואיג. אויך משלט דר מדרש אין קהלת דעם גרויסין חכם שלמה המלך צוא איינעם אלטין מאן וואש זיצט אויף דעם ארט וואו דיא וועגין שיידין זיך פון איין אנדער אונ באלערינט יעדין רייזענדין וואס דאס מער איז מיט יעדר וועגלע איך בין צוואר ניט שלמה המלך אבר דאך קאנסט דוא מיין טייערער לעזער אונ לעזערין זייער פיל ערפאהרונג האבין פון דיזין קליין ביכליין. פאר דיינע עטליכע קאפייקין וואס דוא וועסט אויף אים אויסגעבין וועסט דוא פיל לייד פארשפארין אין דיינעם לעבין. דען דאש לעבין איז באמת נאר אריינע. מע ברויכט צוא האבין איין פראווידניק. אונ דאס וועסט דוא האבין אין דיזין ספר (דברי יושר) וואש איך האב





אים גישריבין אום נאר (לזכות בו את הרבים) אונ זיך זעלבסט דען ווען מע באלערט דעם אנדערין באלערט מאן מער זיך זעלבער:

# דברי יושר

## א

## אין דעם דיזען קאפיטעל ווערט געשפראכען איבער דיא געזונדהייט:

יסוד האושר הזמני והנצחי הנה הבריאות) די געזונטקייט איז דר יסוד פון ביידערליי גליקן וואש מיר מענטשין קענען האבין אין דעם עולם אונ אין יענעם עולם. עש איז איר צוא פארגלייכן צו איינם לייווינט פון אטייערין פאטרט וואש ער קאסט כמה וכמה אלפים דוקאטין. נון דר לייווינט אליין קאסט צוור איין שפאט געלט. דאך אבר ווען ער איז אביסל צו גילעגין צו גפוילט דורך גילעכרט דאן איז די מיה פון דעם גרויסין קינצלער גאנץ פארלארין. דר פאטרעט פארלירט שוין זיין פריי. קיינר וויל אים שוין ניט נעמין אין האנט. דען מען קען אים שוין ניט היינגין אויף דעם וואנט. אין דעם זעלביגין גראד שטייט דיא געזונטקייט אין דעם ערך פון דעם מענשענס השלמה. עס קאסט דעם מענשין זייער פיל מיה אונ געלט צו ערלערנען תורה. חכמה׳ מלאכה׳ אונ אזוי אויך מדות טובות. אונ די געזונטקייט באקומט מען פון גאטש האנט נאר אום זיסט וי קאסט כמעט גאר ניט. דאך אבר איז מען חלילה ניט געזונט דאן זייען אלע השלמות לאמדעס. אונ מלאכות. אונ מדות טובות גאנץ און נוציג אונ פארלארין פון דיזען מענשין. דען איין קראנקער קען ניט זיין קיין שרייבר. קיין בוכהאלטר.

קיין



קיין לעהרער. קיין מלמד. קיין רב. אונ קען זעלבשט ניט מקיים זיין קיין מצוה. ער איז פטור פון סוכה. פון מרור. פון אום יום כפור צו פאסטן. אונ איז דר צו נאך צוא לאסט אויף זייני הויזלייט. טרעפט דיזער אומגליק נאך איינער פרויענצימר. דאן הערט זיא אויף ווירטין צוא זיין. אונ דאש הויז גייט אונטר. די פרייד ווערט געשטערט. אונ די זארג פארמעהרט: ומהיות כי מרבית התחלואים) אונ ווייל דאש רוב קראנקייט

גענמט זיך דר מענטש אליין מיט דעם וואש ער איזט ניט גיהיט אין זיינע תאוות וויא אונזרע חכמים דארשינען אין מדרש פרשה מצורע ט״ז אויף דעם פסוק (והסיר ה׳ ממך כל חולי) דאש רוא מענטש מוזט זעהען דאש דוא זאלסט אליין אב טאן פון זיך אלע קראנקהייט. אויך זאגין דארטין די רבנן דאש ניין אונ ניינציג פראצענט מענטשין שטארבין בפשיעה אונ נור איין פראצענט שטארבט בידי שמים. דאהער איז אחיוב אויף יעדען מענטשין דאש ער זאל נזהר זיין אין זיין עסין אונ אין זיין טרינקן אונ פשיטא שוין אין דיא ענייני הזיווג. וואש ווערן דורך דעם געשוואכט אלע כוחות פון מענטשין אונ אלע חושים. דר קלוגער מענטש וואש וויל איין היטין זיין לעבין גענישט פון די תענוגי עולם הזה זעלבסט אין זייגם גיזונטעשטין צו שטאנד פונקט וויא ער גענישט פון דיא אפטייק רפואות אין זיינעם קראנקין צוא שטאנד. דאש הייסט ער נעמט איין דאן פון די רפואות מער ניט וויא פיל ער בדורכט צוא האבען אום געזונט צו ווערין. ער געמט ניט קיין איבעריגען פיל. אונ ניט איין לעפילע מער פון דעם טריינקיל וואש דער דאקטער האט אים

פאר

פאר שריבין. אזויא אויך געזונטער הייט עסט ער נאר אונ
טרינקט נאר וויא פיל ער ברויכט זיין הונגער צוא שטילען.
אונ אזוי אויך ברויכט ער פון די אנדערע צרכי העולם מער ניט
וויא פיל ער דארף צוא זיין חיונה אונ ווייטער ניט. אונ דיא
איבעריגע בעדירט ער ניט ווייל זייא קענין אים ווערין שעדליך
וויא איבעריגע רפואות:

צא ולמר) גייא אונ בעטראכטע זויא דונקעל עס ברענט
אלאמפ וואש האט צוא פיל אייל אין זיך. דען דיא
איבעריגע אייל שטיקט דעם פייער אונ פערלעשט אים זיין
ליכט. אדער ווי שוואך אונ בלייך עס וואקסט יעניר בוימילע
אין דעם וואזאן וואש מע באניסט אים צו פיל. טויזענדע זיינען
געשטארבען פון הונגר. מיליאנען אבער זיינען אומגעקומען
פון דעם וואס זייא האבין צוא פיל גיגעסין. דאם מע קען אויף
די לייענען דעם פסוק (ויתאוו תאוה) דאש הייסט זייער לוסט ווער
צו האבין אימער לוסט. אין די ווייטערדיקע קאפיטלאך וועל
איך מער שפרעכין איבר דעם יעצט אבר בעאיילע איך מיך
צוא ריידין איין עטוואש איבר די צייט:

## ב

## אין דעם קאפיטיל ווערט גישפראכין ווערין איבער דיא צייט:

שניה לה) דיא צווייטע זאך וואש עש טוז זייער טייער
גיהאלטין ווערין. איז דיא צייט דען מע קען איינע
שטונדע



שטונדע צייט ניט פאר מיליאנען ערקויפין דיא צייט איז אין
דר האנט פון אחכם איינע זייער טייערע מינצע (מטבע) וואש
ער האנדעלט פאר איר איין תורה. חכמה מלאכה השלמה אונ
אויך עשירות אונ נאך מעהר פאר אלץ גמילות חסדים אונ נאך
אנדערע מדות טובות. אין דער האנט פון איין נארין אבר אדער
פון איין אוים גילאסענעם האט זיא אווערט נאר וויא דער שאם
וואש אויף דעם וואסר. זיא איז אים צו לאסט. אונ ווערט פון
אים ביי דר ערסטר דומהייט פארטראבט. ער האנדילט איין פאר
איר פרייז. צאצקעס וואש זייגען גישניצט פון אייז. אונ אום
צו מאכין דיר מיין טייערער לעזער אונ לעזערין איין רעכטין
באגריף פון דיא ווייטיגקייט דער צייט מוז איך דיר דא איין
[illegible]ין גישיכטליין דער ציילין:

לפנים היה מלך אחד בערב) עש וואר אמאל איין גרויסר קיניג
אין ערב וואס ער ווער אגרויסער גייץ (אחומד ממון)
נון ווער אין זיין מדינה איין גיוויסער יהודי. וואש מע האט אים
גירופין ר' דניאל אלדראי. דיזער מאן וואר אגרויסער צדיק אונ
אגרויסער חכם אונ דער צוא נאך אגרויסר מליאנער. ער איז
אן גיקומען אין דיזער מדינה נור מיט הונדרט טאלער. ער האט
אן גיהייבין צו מאכין גישעפטין אונ עס האט אים אן גיהייבין
צו גיין זייער גוט. אונ אין פארלויף פון דרייסיג יאר האט ער
שוין גיהאט איין פארמעגין פון צעהן מליאן טאלער. אונ איז
זיך גיווארין דער גרעסטר גביר אין דער גאנצר מדינה. דיזער
גרויסר פארמעגין האט פארשמעקט זייער דעם קיניג אונ האט
לוסט באקומן צו דיזע צעהין מיליאן טאלער אונ האט גישיקט
רופין

THE MISERLY KING & THE WEALTHY JEW

רופין דעם יהודי צו זיך · דער יהודי האט באלד פארשטאנען
ווען וואס מירופט אים אונ האט שוין קוים גיוועזן זיינע קליידר·
האט גימאכט אברכה בין אמת · האט אפ גישריבין אצואה ·
אונ האט גיבענצט זיינע קינדר · אונ האט אפ גיזאגט וידוי אונ
אין אוועק צו דיזעם סולטאן אין דער מיינונג דאש ער וועט זיך
שוין בודאי ניט אומקערין · דען זעלבסט דער מיניסטער ביא
יעדעם מאל ווען ער קומט פון דיזעם סולטאן קוקט ער זיך אין
שפיגיל צו זען צי האט ער זיין קאפ מיט גיבראכט צו ריק · דר
קיניג אדר דער סולטאן האט אים אבער זייער פריינטליך אויף
גינומן אונ האט צוא אים גיזאגט הערצו · דוא מיין ליבר דניאל
אלדאאי · דוא ביזט דער ערסטר גביר אין מיין מלוכה · דוא
האסט אפערמעגין פון צען מיליאן · דו האסט עס אבער צוזאמן
גישארט אין מיין מדינה · דו ביזט אהער גיקומן נור מיט הונדערט
טאלער · נון ווערדע איך דיר אפ נעמין דיינע הונדערט טאלר
מיט דעם פראצענט פון דרייסיג יאר אונ ווייטער איז מיינע דא
האט אים דער יהודי גיענטפערט אונ גיזאגט · ווען דוא וואלסט
עס וועלין ביא מיר אפ נעמן אלס גיוואלטיגער קיניג אן רעכט.
וואלט איך מיט דיר קיין ווארט איבר דעם גישפראכין אונ וואלט
עס דיר שוין אפ גיגעבין · איצט אבר דאס דוא שפריכסט מיט
מיר פון רעכט · דאס הייסט דו ווילסט מיר פארטיידיגין אונ צו
פרידין שטעלין אונ גאר קיין אומרעכט טאן מיט דעם וואש דו
ווילסט מיר אפ געבין וואס מיר גיהערט· דא האב איך שוין מוט
אונ רעכט דיר צו זאגין דאס על פי דין קענסטו ניט איין גראשין
נעמן פון מיינע צען מיליאן דען זיי קאסטין מיר פיל מער אלס
הונדערט



הונדערט טאלער מיט פראצענט · זיי קאסטין מיר דרייסיג יארי
נון ווען דוא קענסט מיר אפ געבין דיזע יארין גיב איך דיר אפ
מיט פריידין דיא מיליאנען · וויא איך האב מיך יעצט באזאנען
וואלט איך שוין פאר דיזע דרייסיג יאר פיל מאל בעסרע אונ
טייערע זאכין איינגיהאנדילט אלס דיזע צען מיליאנען קאלטע
טאלער · איך האב זיי פארנארט דיזע יארין · איך האב גקענט
מיט זיי איינקויפין תורה · חכמה מעשים טובים · איך בערייע
עס (האב חרטה) עס איז שוין אבר צו שפעט :

ויפלא המלך לשמוע דבריו) נון וואונדערע דר קיניג העכסט פר
וואונדרט צו הערין דיזע קלוגע תשובה · אונ האט צו
אים גיזאגט ציהע אין פרידין · אונ באהאלטע דיינע מיליאנען
פאר דיינע קינדר · איך ווערדע ביי דיר קיין גראשין נעמן · דען
דיין תשובה וואס דו האסט מיר גיגעבן איז ביי מיר פיל וויכטיגר
אונ טייערער אלס דיינע מיליאנן · איך ווערדע מער שוין קיין גייץ
זיין אין געלד נאכין איך ווערדע אבר אימר גייצין מיט דר צייט:

ועתה אונ יעצט ווען די צייט איז יוא אזוי טייער דא מוזט דו
שוין אויך דיין גיזונד היטין דאמיט דו זאלסט דיין צייט
חלילה ניט דארפין אוים בריינגען גאר אין לידיג גיין · אונ וואס
נאך ווידער מאכט דעם מענשען קראנק וויא לידיג גיין · נון
איז די גיזונדהייט מיט דער צייט איין זאך אונ ווען מע היט איינע
איז די אנדערע שוין ממלא גיהיט :

ומה נמלצו הדברי הדרשנים) אונ וויא צימליך זיינען דיא רייד
פון די דרשנים אויף דעם פסוק (ויקרבו ימי ישראל למות)
וואס דער טייץ איז דער פון עם האבין זיך גינעהנט די טעג פון
ישראל

ישראל צו שטארבין זייא זאגין דאס דער פסוק מיינט אונז מיט
דיזע ווערטער צוא דר ציילין דאס יעקב אבינו האט פארבראכט
יעדין טאג אין צדקה אין (מעשים טובים) אין תורה · אין חכמה
אונ אין אנדרע נוציגע ענינים · אונ ניט איין טאג פון זיין לעבין
איז פארשוואונדעט גיווארין אין הבלים דאהער וואחין אלע זיינע
טעג ניט פארלארין אונ גירעכינט וויא נאך ניט איבר גילאפין·
אונ אין דעם טאג פון זיין טויט זיינען זייא פאר אים גישטאנען·
דאס הייסט פאר זיין גידאנקען גיצירט אונ אויסגיפוצט יעדער
באזונדער מיט איין אנדער מצוה· מיט איין אנדער גמילות
חסד · אדר מיט אדבר תורה אונ אדבר חכמה · וויא פארדינטע
אפיצירין נאך אשווערע מלחמה שטייען פאר זייער קייסער
באהאנגין מיט ארדערין אונ מאדיילין אונ ניט אייגר האט פון
זייא גיפעלט · אונ דאהער זאגין אונזערע חכמים אויף אים (יעקב
אבינו לא מת) דאס הייסט יעקב אבינו איז ניט גישטארבין ·
אונ דאס איז נור ווייל זיינע טעג זיינען ניט איבר גילאפין אין
הבלים · אין תוהו ובוהו :

לא כן נאמר על הרשעים) ניט אזוי אבער זאגט דער פסוק פון די
רשעים וואש זיינען מקבלה זייערע זמנים אין הבליות דען
אויף זיי איז גיזאגט גיווארין אין איוב (עליהם אבד כלח) דאס
הייסט זייער עלטר אונ זייערע יארין זינד פארלארין אונ דאהער
זאגין אויך אונזערע חכמים דאס (רשעים בחייהם קרואים מתים)
דאש הייסט רשעים ווערין גירעכינט פאר טויטע אויך בשעת
זייא לעבין אונ דאס איז נור ווייל זייא זיינען מאבד זייער צייט
אין ענינים עוברים וואש עס בלייבט פון זיי גאר קיין זכרון אונ

יעדע



יעדע שטונדע שטארבט אונטער זייערע הענט ווי זיי זעלבסט
נון פון דיזע קורצע מאמרים איז שוין גינוג צו זעהן אונ צו פאר
שטיין וויא טייער אונ וויכטיג דער זמן מוז זיין בייא איין איש
חכם· די צייט איז די טייערסטע מינצע ביי אים אינהאנט וואש ער
קען דער פאר איינהאנדלען די בעסטע סחורה· ביי דעם נארין
אין האנד איז זי אבער נור ווי שניי אונ שפריי אונ אויף אים איז
גיזאגט דער פסוק (למה זה מחיר ביד כסיל ולב אין) :

## ג.

## אין דיזען קאפיטיל ווערט איין עטוואש גישפראכין ווערין איבר דעם ענין פון געלט :

**השלישיה** די דריטע זאך וואס איין מענש דארף דר ביי זייער
בעהוטזאם זיין איז דאס געלד. איין קלוגר
מענש געהערט צו שוינען יעדען גראשען וויא נור מעגליך איז
ווייל דאס געלט איז צוא בעקומן נור דורך פיל מיהע וואס מע
פערדינט דער בייא זייער פיל צייט אונ אויך על פי רוב זייער
פיל גיזונט · אונ וואש אין דער וועלט איז נאך טייערר אלס דיזע
צוויי זאכין וויא מיר האבין שוין דא פריהער גישריבין · צוואר
מי טאר ניט זיין גייציג (קארג) וויא דער פסוק זאגט (וחושך
מיושר אך למחסור) דאס הייסט ווער עס שפארט אפ פון וואס
נייטיג· דער איז צום דלות אן קרייטיג צו פארשווענדין אבער
וואו ניט נייטיג ווערט מאן ארעם גאנץ פריצייטיג· נון איז דר ביי
צוא פרעגין וואש איז נייטיג אונ וואש איז ניט נייטיג · דא
לאזט זיך לייכט ענטפרין אונ זאגין · דאש יעדערער נאך זיינעם

שטאנד

אין דיזעם עולם · דען עס איז פאר דיר פיל נייטיגער צו וויסן דיזן מקום אלס אנדרע מקומות :

פעם אחת נשאל חכם אחד מבנו) עס איז אמאל אגרויסר חכם גיפרעגט גיווארין פון זיין זון ווי ער זאל זיך אויף פירין מיט זיין געלד · דו זאלשט זיך אימר פארשטעלין דאס ער אים גיענטפערט · בשעת דו גייסט צו דיין קאמאר צו נעמן געלט אויף הוצאות גלייך ווי דו וואלשט גיגאנגין צו דעם קאמאר פון דיין פריינד וואס האט דיך אזו ליב דאס ער האט דיר גיגעבין זיין שליסיל אונ האט דיר ערלויבט צו נעמן פון זיין געלט ווי פיל דיר נייטיג איז · אונ דאן וואלשט דו דאך גיווים מצמצם גיוועזן מיט דער הוצאה · אונ דאס איזט ווייל דער מענש וואס שוינט נים זיין געלט · מוז אן קומן מיט דר צייט צו דר וועלט · אונ דאהער ווען דו נעמסט פון דיין אייגענעם קאמאר איבריגע הייסט עס שוין פרעמדע · אונ בפרט ווען מע האט נאך פרעמדע געלט אין דער האנט וויא לייכט איז עס מיט אזו אפידונג אן צו זעצין · אונ איין אנגעצר ווערט שוין אן גירופין איין רשע וויא דער פסוק זאגט (לוה רשע ולא ישלם) אונ באמת איז ער נאך פיל גיפערליכר אלס איין גנב · דען פון אזעלכין קאן מען זיך איין היטין מיט אשלאס · איין אנגעצר אבר באקומט הער אויש דעם גראסין פון אונטר זיבן שלעסר · ער איז שלימר פאר איין רויבר · דען איין רויבר באמעכטיגט זיך איבר דעם באהויבטן מיט איין קייל אדר מיט איין שווערד וואס זיינן מאכי גימאכט אין תחילת צוא דיזעם שעדליכין תכלית · דאש הייסט אום צו מארדין אונ צום רויבין מיט זיי · אדר צו באשטראפין





שטאנד האט אנדרע באדערפנעס · נון איז דער ביא אגרויסר אומגליק דאס יעדער אירט זיך אונ מיינט דאס ער שטייט אין איין העכערין גראד וויא ער איז באמת אונ ווערט דורך דעם איין גרעסטער בעל הוצאה :

והחכמינו ז"ל) אונ אונזרע חכמים וואש האבין דיזן פעלער שוין באמערקט אין זייערע צייטין האבין זיי אונז גיווארינט אונ גיזאגט (נחות דרגא ונסוב אתתא) דאס הייסט דוא זאלשט נעמן אווייב מיט אגראד קלענר אלס דו ביזט · אונ דש איז נאר ווייל מיר האלטין זיך אימער מיט אגראד העכר ווי מיר זיינען באמת אונ דאהער ווען מיר וועלין טאן מיט אגראד נידעריגער ווי מיר האלטין זיך וועלין מיר ערסט טאן אונזער גלייכין · זייא האבין זייערע רייד אן גיווענדעט ביי אשידוך אונ ניט ביי איין אנדר זאך ווייל זיי האבין גיוואוסט דאס מען איז אימר גיוואונט צו טאן אשידוך איבער די כוחות · אונ מע שטעלט זיך גאר דר ביי בדלי דלות · באמת אבר האבין זיי גימיינט דאס דר מענש זאל זיך אזו אויף פירין ביי יעדער ענין · הן אין שוכען הן אין קליידין אונ אזוי אין יעדר זאך · אונ בפרט נאך אין דיא ענינים וואש זיינען נוגע צו כבוד :

שיצוכים

בהיותי פעם אחת בחברת משכילים) אלס איך וואר אמאל אין אגיזעלשאפט פון גיבילדעטע יונגע לייט האט זיך איינער בארימט פאר מיר דאש ער איז קלאר אין גאנץ יעגראפי אונ ער ווייס אין וועלכע ערטר עס ליגין די שטעט אונ די דערפר דא האב איך אים גיזאגט ווען דוא ביזט יוא אזו אבקי אין אלע מקומות אט זאג זע מיר דעם ארט אויף וועלכין דו שטייסט דא

ANECDOTE

מיט זייא איין רוצח על פי דין אונ משפט. דער אנזעצער אבר גיברויכט צו זיינע רויבריי גאר איינע טייערע וואפין · איינע היילינע גיווער · וואש זיינן אין תחילת גימאכט געווארן גאר צום הייל אונ גליק פון מענשין דאש ער זאל דורך זייא נאר מאריך ימים זיין אין ביידע עולמות אונ דאש זיינן די פרומקייט · דיא ערלאכקייט. דיא צדקות · דיא נאמנות. דען על פי דרך הטבע ווערט דאך קיין געלט גיליהן מער ניט ווי צו אזעלכין וואש ער איז פון איין ערענטליכין אונ בראווין אויף פירונג אונ וואש עס זיינן פון אים צו פרידין גאט אונ לייט · נון מוז זיך איין אנזעצער אן שטעלין פאר פרום פאר ערליך. פאר איין (איש נאמן) · אונ אזוי גאר פאר איין (איש צדיק) ביז ער באקומט הערוים דיא קאפייקען פון דעם מלוה אונ זעצט אן. נון ווארין אים אלע דיזע היילינע מדות גאר צוא איינר וואפין. מיט וועלכע ער זאל זיינם חבר בארויבין. ער איז נאך פיל ערגר פאר ארויבער נאך אין דער זאך אויך · דאס ביי ארויבר ווען מע גרייפט אים אן קען מען דאך דאש גירויבטעס ביי אים אוועק נעמן אונ אים אליין זייער שטריינג באשטראפין · דעם אנזעצר אבר קאנסט דוא חאפין צעהן מאל וועסט דו ביי אים קיין גראסין ארוים באקומן אונ קאנסט אים אויך ניט באשטראפין · ער וועט דיר נאר אוים שטעלין איין פרום פעניטיל אונ בלייבט זיך זיצין אין אקליין שטעטיל ביז דער לארעם ווערט שטיל אונ דאן קערט ער זיך צו ריק אום אונ שפילט זיך זיין היילינע ראלע ווייטר · דאס מע קאן אויף אים ווירקליך לייענן דעם פסוק (ובכן ראיתי רשעים קבורים ובאו וממקום קדוש יהלכו וישתכחו בעיר אשר כן עשו





גם זה הבל) דאש הייסט איך האב באמערקט דאס עס זיינן דא אין דער וועלט אזין רשעים וואס ווארין שוין איין מאל גאנץ באגראבין · דאס הייסט (ברויטא התחתונה) גלייך ווי גישטארבין אונ קומן ווידר אויף. אונ שפילען נאך דער צו איינע היילינע ראלע · דען ער איז גיזעסין אין אקליין שטעטיל אונ האט דארטין גאר גילעדינט · אונ עס ווערט גאר אין גאנצין פארגעסין דיא באטריגעריי וואש זיי האבין אין זייער שטאט אן גימאכט:

נוסף לזה) נאך מער פאר אלץ עס קענן אלע רויבר אין דער וועלט ניט אזוי שאדין דעם מסחר ווי פיל איין אנזעצר קען שאדין. ווייל דורך אים ווער גישטערט דאס טרייע אונ גלויבין · עס הערט אויף נאמנות · אונ דאן בלייבין זייער פיל מענשין אן פרנסה. אונ ווער עס שטערט פרנסה ווערט שוין גאר אן גירופין איין רוצח ווייא אונזערע חכמים דארשענען אויף דעם פסוק (אשר כלנו ואשר דמה לנו) דם ווייל שאול האט חרוב גימאכט די שטאט נוב וואש דורך דעם איז גישטערט גיווארין דיא חיונה פון דיא גבעונים וואש זייא פלעגין דארטין טראגין וואסר אונ האלץ האקין ווארר שויך דאש גירעכינט בייא גאט גלייך וויא ער האלט זייא מארדין. נון איז פון אלע דיזע רייד איין צו זעהן וויא שעדליך אונ וויא פארדארבליך עס איז איין אנזעצר אדר איין באנקרוטציג פאר די מענשליכע גיזעלשאפט אונ דאס איז זייער לייכט צו ווערין ווען מע פירט זיך אויף איבר דיא בותות [illegible] דאהער זאלסט דוא מיין קינד זיך איטר היטין וועלבסט מיט דיין איינענעם גראסין דאמיט דו זאלשט חלילה דם אנדערינם ניט אן רירין:

הארכתי בדברי זה) איך האב אין דיזין ענין מאריך געוועזן ווייל איך האב באמערקט דאס. דיזר סאקרעטעסנער חכם איז זייער מצוי באיי אונז יהודים · אונ. דאס אין אנדרע שטעט שאצט מען עס נאך איין פאר איין נרן דאס ער האט נאך ניט אן געזעצט :

## ד

אין דיזען קאפיטעל ווערט געשפראכין ווערען פון דיא זאכען וואש קענען שאדין צוא דיזע דרייא טייערע ענינים אויף איין מאל אונ זייער געשווינט :

השלשה הענינים הנכבדים) דיזע אלע דריי וויכטיגע ענינים פון וועלכע מיר האבין דא פריער גירעט · דאש הייסט די געזונדהייט. די צייט . דאס געלט. זיינן אזוי ווייט פאר קניפט איינע אין דיא אנדרע . דאס ווען מע היט נאר איינם פון זיי איין ווערין שוין דיא איבריגע צוויי ממילא איינגיהיט · אונ אזוא אויך פארקערט ווען מען פארשווענדעט נור איינעם פון זייא ווערין שוין פערשווענדעט ממילא אויך דיא איבריגי צוויייא אונ דאש איז יעדין זייער לייכט צוא פאר שטיין למשל היט מאן · איין די געזונדהייט מוז שוין דער ביי איינגיהיט ווערין דער גראשין ווייל דער גראשין קומט אן מיט גרוים מיהע אונ ארבייט וואש נעמט אוועק די געזונד · אויך מוז דער ביי גיהיט ווערין דיא צייט · ערסטינס ווייל דער ליידיג גיין שאדעט דער געזונדהייט · אונ צווייטינס ווייל דער גראשין קאן דאך אנדערש

ניט



אינטימער סטיל

ניט פארדינט ווערין מער ניט ווען מען אויף אים גינוג צייט אויסברייגנ · נון איז דאך די צייט אונ געלט איין זאך · אונ געלט מוז דאך געשווינט ווערין צו ליב דאס געזונד · נון לאמיר ווייטר מאשלען. דו ווילסט היטין די צייט · דאס הייסט דו ווילסט איר באנוצין צו וואש גוטעס · דא מוסט דוא שוין היטין דיין געזונט · דען מען קען ניט לערנען קיין זאך אונ פשיטא שוין ניט קיין מלאכה ווען מען איז ניט געזונט · אויך מוזט דו דר ביי דעם גראשין שוינען · דען זאנסט וועסט דו מוזין דיין צייט אוים ברייגען אום דעם גראשין צוא פארדינען וויא מיר האבין דא פריער גירעט נון וועסטו ווילין דיין גראשין היטין · דא מוזט דו שוין דיא צייט שוינען אום צוא פארדינען מיט איר דאש · אונ פשיטא שוין דייגע געזונדהייט · דען אן געזונד איז שווער צוא פארדינען · אונ אזוי איז שוין די זאך אומגיקערט · שוינט מאן ניט דיא געזונדהייט איז ניט געשוינט קיין געלט קיין צייט אונ אזוא ווייטער :

ועתה אחרי הודעתיך כי השלשה אך דבר אחד) אונ נון דא איך האב דיר גימאכט וויסן דאס דיזע דריי ענינים זיינן נור איין ענין ווערדע איך דיר ווידער באקאנט מאכין וועלכע זאכן עס קענען די אלעמן דרייען אויף איין מאל שאדין איך וועל דיר ניט אלע אוים רעכנן · איך ווערדע דא שרייבין נאר איינגע די איבריגע וועסט דוא שוין ממילא פארשטיין :

דיא שעדליכסטע אונ פארדארבליכסטע זאך צוא דיזע דרייא וויכטיגע ענינים איז דער קארטין שפיל · ער נעמט זייא אלעמען דריי צו אויף איין מאל ווי מיט אהאנט · מע פארברייגנט

דער

CARD PLAYING

דער ביי אין ניכטס די גאלדנע צייט. דאש שווער פארהארוועטע
געלט. אונ פשיטא שוין די גיזונדהייט. דען מען דר שלאפט
נים מע דער עסט ניט. אונ צווייטינס האט מאן דער ביי גרויס
התפעלות דאס הייסט עס ווערט אין מענשין דאן זייער שטארק
באוועגט זיין גייסט וואס דורך דעם ווערין ערשיטערט אלע
אדערין אונ נערווען זיין בלוט ווערט צוא שטארק דורך דעם
גיטריבין אין איר צירקעלאציאן אונ ווערין גידיכט אונ מאכין
אן איין (מרה שחורה ר"ל). אונ דאהער זיינן די קארטעווניקעס
(על פי רוב) זייער בלייך. שוואך. טרויעריג· (לבד זה) ווערט
מאן איינר דעם אנדערין אשונא. מע גיברויכט דער ביי אלע
פאלשהייטין. מע ווערט דער היצט. אונ פון קארטין שפיל
קומט מאן אריין נאר אין גרעסטין נצחון. אונ דאן באהיט אונז
גאט. איז שוין דער טייוויל לויז. ער איז איבר אים שולט מיט
זיינער גאנצין מאכט. עס קומט ארויס דער פון זייער לייכט
גרויס גישלעג. אונ אמאל פארשפילט מען זיך אזוי ווייט דאס
מע בלייבט גאר אנאקעטער. אונ מע האט ניט אין וואש
אהיים צוא קומען:

גם הצחוק בלא כסף) זעלבסט דאס שפילין אן געלט נאר צום
צייט פארטרייב לוינט זיך אויך ניט פאר איין גיזונטין פר
שטאנדיגין מענשין. פיל גלייכער אונ שענער. אונ גיזונטער
איז דאש אקארט זאל קיין מאל אין האנט אריין קומען (לבד
חנוכה) ווייל עס איז שוין איין מאל אזויא איינגיפירט ביי אונז
אידין אונ דאש אויך מיט גרויס שמירה· דער גאנצר גיווינס אדר
פארלירין אין איינער נאכט זאל באשטיין אין דרייסיג פערציג



קאפייקין. דען פאר איין ערליכן מאן איז שוין גינוג דיזע ביסלע
צו אונווידין דיזין שפיל מע פארלירט צוואר דר ביי דיא צייט.
אבר דאך זאגט דער שפריכווארט. איין מאל. איז קיין מאל.
אונ פאפאסקע ניע זאבאווקע. דאס הייסט אמאל רוהען. הייסט
וואול טוהען:

דיא צווייטע זאך וואש שאדעט אונ פארדערבט זייער די דרבי
פאריגע עניינים איז שכרות ר"ל. דער מענש וואש שיקרט
פארדערבט זיין גיזונט· דען מע ווערט דער פון קראנק אונ מע
שטארבט פאר דער צייט ווי דער פסוק זאגט אין (משלי כ"ג.
אחריתו כנחש ישך וכצפעוני יפריש) דאס הייסט דער ווין בייסט
צום סוף ווי א שלאנג· אונ שיידעט דאש לעבין ווי איין גיפטיגר
נאטער. ער פירט איבר זיין געלט דען ער מוז דאך באצאלין
דעם שיינקר. ער מוז בלייבין מיט דער צייט איין אביון· איין
בעטלער. ער בלייבט אן אהעמד אונ אן אשום כלי אין שטוב
ווי א אונזערע חכמים דארשנען אויף דעם פסוק (כי יתן בכוס
עינו יתהלך במישרים הוא יתן עינו בכוס ותנוני נותן עינו בכיס.
סוף דבר והוא עביד ביתיה מישרא מה הדין קרדא דנחשא עביד
קרדא דתספא עבדא מזבינלה ושתי חמרא בטימיתיה) דאס הייסט
אזוי· דער שכור פארליבט זיך אין דער גלעזלע. אונ דר שיינקר
פארליבט זיך אין זיין בייטלע. אונ דער נאך ווי דער שיכור
האט שוין מער קיין געלט מאכט ער זיין שטוב פוסט אונ ליידיג
אונ זאגט דאס וואש מע פאריכט אין שטוב מיט דעם קופרנעם
טעפיל קען מאן זאך דאס פאריכטין מיט אלייטענעם· נון פאר
קויפט ער עס אונ גיט עס אפ דעם שיינקר. ער איז מבלה אויך
זיין

זיין צייט. דען איין שיכור קען דאך זיין זמן צוא קיין זאך באנוצין. ווייל ער איז אימער פול אונ דול. ער קען גיט ריידין. גיט שמיין. גיט גיין. ער מוז זיך אויש שלאפין. אונ דער נאך ווייטער צוא דעם ביטערין טראפין:

ומהיות כי תאוה גוררת תאוה) אונ ווייל קיין תאוה גייט אום אליין. איינע האט אימער מיט דער אנדערע גימיין אזו שלעפט נאך זיך נאך אימר די שכרות אויף דעם עון פון זנות ווי דער שפריכווארט זאגט (באשר היין שם גם הזנות נפרצה) דאס הייסט ווער עס איז נאר דעם טרונק ערגעבין דער וויל שוין מיט איין אשה זרה לעבין אונ דאהער זאגין אונזערע חכמים דאש נאר דארום האט דיא תורה גישטעלט דיא פרשה פון נזיר לעבין דער פרשה פון שוטה אום דעם עולם מערקען צוא לאזין דאש שיכרות ברייגגט צוא זנות. אויך דארשענען אונזערע חכמים אויף דעם פסוק (פן ישתה וישכח מחוקק) דאש דער מענש וואש טרינקט וויין פאר געסט ער גאר אן זיינע רמ"ח אברים ווייל דער ווארט מחו"קק טרעפט אן צווי הונדערט אכט אונ פערציג ווי פיל עס טרעפט אן רמ"ח אונ דאס איז גימיינט עס דינט אים שוין מער קיין גליד אויך זאגין זייא דאס די זינדע פון נדב ואביהוא וואר אויך נאר וואש זיי זיינען אריין אין משכן פאר שוועכטרהייט דיזע דעה איז גינוג מרומז אין די ווערטר (בהקריבם אש זרה לפני ד') וואש דער טייטש איז דער פון זיי זיינען גישטארבין דער פאר וואש זייא האבין מקריב גיוועזן פרעמדע פייער פאר גאטינגן איז גימיינט אונטער די ווערטר פרעמדע פייער (שכרות). ווייל איין ניכטערער מענש האט אין

זיך



זיך נאר איין געסליכין פייער דאס הייסט (תום הטבעים) דיא נאטירליכע ווארעמקייט וואש דער בורא ברוך הוא האט מיט גיטיילט יעדין מענשין אום צו ערווארעמען זיין בלוט אונ זיין קערפער. די ווארעמקייט אבר וואש מע באקומט דורך דעם וויין אדער שנאפס ווערט שוין אן גירופין פרעמדעס פייער. אויך זאגין זייא דאס דער שיכור דארף זיך אראפ נעמען אמוסר פון דעם ווייןשטאק זעלבסט. מאראך ער אליין קען זיך ניט האלטין אויפרעכט אונ גליך צו ליב די ווייןטרויבין ער איז אימער איין גיבויגין צו דער ערד אונ ליגט אוים גישטרעקט ווי איין (שיכור פשיטא שוין דער מענש וואש טרינקט דעם וויין זעלבסט. אויך ווייזין זייא אויף בכמה וכמה ערטער אין דער התורה. וואו עס איז דער מאנט דארשין איין משתה פון וויין איז דארטין גישעהען איין גרויסער חושם אונ דארום רופט מאן אים מיטין נאמן (יין ווייל ער האט גיבראכט פיל קלאג אויף דער וועלט. אונ עס איז צו גלויבין דם דאהר רופט מאן אים אין דר טייצעשר שפראכע וויין ווייל ער מאכט אן אין דער וועלט פיל גיוויין. אונ בפרט נאך דער דעה דאש דער עץ הדעת וואר אויך איין ווייןשטאק. אונ פיליכט רופט מאן אויף רוסעם מיט דעם נאמען וינא ווייל ער האט אן גימאכט אגרויסע שולד אויף דעם מענש. נון איז דאך ווידער אגרויסע פראגע מיר גיפינען דאך דאס דר פסוק זאגט (ויין ישמח לבב אנוש) דאס הייסט דאס גאט האט באשאפין דעם וויין אום צו ערפרייען דער מיט דאס הערץ פון מענשין זעט מאן דאך דאס דער מענש דארף דאך דעם וויין יוא גינייסין: על זאת אשיבך) דארויף ווערדע איך דיר אבער אנטווארטין

אונ

אונ זאגין עטליכע תרוצים · ערסטינס · וויא אונזר גמרא זאגט דאס דער ווין איז נאר באשאפין גיווארין מער ניט ווי צו מנחם זיין מיט אים אבלים וויא דער פסוק זאגט אין משלי (תנו שכר לאובד ויין למרי נפש) נון קען שוין דורך דעם אליין רעכט ווערין דער פסוק (ויין ישמח לבב אנוש). צווייטינס מיין איך אויך ניט דאס מע זאל זיין איין נזיר · נייארט ווען מע טרינקט עס מיט אמאס צוא דער רעכטער צייט אונ בפרט נאך צוא דער עלטער איז דער ווין אדער דער שנאפס זייער גיזונט וויא דער מדרש זאגט אין פרשה ויחי אויף דעם פסוק (ולבן שנים מחלב) דאס דער ווין איז פאר איין מענשין וואש האט שוין איין גילעבט פיל יארין אזו גוט ווי מילך פאר אזייגעדיקעס קינד. נון איז ווייטער די פראגע (שאלה) ווי פיל איז די מאס אונ ווען איז די צייט דאס מע זאל מאכין אשנאפס:

גם על השאלות האלה אשיבך בדברי חז"ל) אויף דיזע שאלות ווערדע איך דיר ענטפערין מיט דיא ווערטער פון אונזערע חכמים וואש האבין גיוואוסט צו געבין צייט אונ מאס צו יעדר זאך וויא דר פסוק זאגט.(כי עת ומשפט ידע לב חכם) ערסטינס גיפינען מיר דאס זיי האבין פאר באטין אונ גיאסערט יעדין מורה הוראה צוא פאסקענען אדין נאך דעם וויא ער האט אויסגיטרונקען א רביעית יין ווייל פון א רביעית וויין ווערט מאן שוין באראישט דאס הייסט שיכור אונ איין שיכור טאר ניט פאסקענען · נון זעהן מיר שוין איין דאס א מענש וואש טרינקט א רביעית אויף איין מאל איז א שיכור דאהער גיהערט מאן צוא טרינקען פיל ווייניגער פאר א רביעית. צווייטינס גיפינען מיר אין

מדרש



מדרש תנחומא אין פרשה נח אשיינע גישיכטע פון דעם ווין וואש מיר קענען דער פון אויך גינוג איין זעהן אונ פארשטיין ווי פיל איין ארענטליכער מענש גיהערט צו טרינקען:

בשבא נח ליטע הכרם). בשעת נח האט אן גיהייבין צוא פלאנצין דעם וויינגארטין דער ציילט דארטין דער מדרש איז גיקומען דער שטן אונ האט אים גיפרעגט וואש ער פלאנצט. איין וויינגארטין פלאנץ איך האט אים נח גיענטפערט. נון האט אים דער שטן ווייטער גיפרעגט. אונ וואש איז דיא וואולקייט פון דיזע בוימער. דא האט אים נח גיענטפערט זיינע פרוכט זיינען זייער זיס זיא טרוקענערהייט שוי פייכטערהייט זיין זאפט וואס מאן דופט ווין מאכט זייער פריילך אונ מוטהיג דא האט דער שטן צו אים גיזאגט ווען אזו איז עס אט לאמיר זע מאכין שותפות אין דיזעם וויינגארטן. אונ נח האט איינגיווילגט. דא האט דער שטן גיבראכט איין יונגעס לאם (שעפשעלע) אונ האט איר גישאכטין אונ האט מיט איר בלוט גימישטעט דיא ווינשטאקין. דער נאך האט ער גיבראכט איונגין לייבעלע אונ האט אים גישלאכטעט אונ האט מיט זיין בלוט נאך אמאל גימישטעט די ווינשטאקין. אונ דער נאך האט ער אן גיטרונקען די ערד פון וויינגארטין מיט דיא בלוט פון א חזיר אונ גאר צום לעצטין מיט די בלוט פון איין בזאגע. אונ דער ווין האט אין זיך באקומען דורך דעם אלע מדות פון אלע דיזע ברואים. טרינקט דער מענש אויש דעם ערסטין כוס ווערט ער זאנפט אונ גוט ווי איין לאם. טרינקט ער דעם צווייטין כוס ווערט ער מוטהיג אונ גרימיג ווי איין לייב. אונ ווערט ביי זיך אויך גיהייבן

אונ

ניט זי אויף ארבעט לערינט. אייערע טעכטער צוא פארשפארין.
צו שיינען אקלייד. זיך ריינטליך צו האלטין. אונ איבערהויפט
קיינע פוילערקע צוא זיין; איר אויג זאל אויף אלץ וואכין. אונ
אירע הענט זאלין אלץ מיט מאכין. דס וועט איר ארויין ברייננגען
אין שטוב פרידין אונ זעגין. געזונט אונ גרויס פאר מעגין:

ולמען הראותך לדעת) אונ אום דיר מיינע טייערע לעזערין צוא
באווייזין אויף קלאר וויא וואר עס זיינען דיזע רייד מוז
איך דיר דא איין קליין געשיכטיל דער ציילין. עס האט אמאל
איינגר מאן געקויפט איין פולווארעק. ער האט דארטין אבגעוואונט
דעם ערסטין יאר אונ איז בדלות געווארין. אונ האט ניט געוואוסט
פון וואנען דער דלות וואקסט. דיא בהמות ווארין אלע געזונט
אויף די פעלדר ווארין ניט שלעכט אונ דאך וואר איין איינגזינקענעם
זיין פרויא וואר איין חסידס אטאכטער אונ האט זייער שטארק
מאמין געווען אין דעם רעבין. גיין מיין מאן; האט זיא געזאגט צו
איר מאן. דוא ווייסט מיר ניט איין ריידין עס איז דא ביי אונז.
קיין פשוט. דער ניט גוטער מוז דא זיין ביי אונז. איך ווערדע
פארין צו דעם רעבין. ער וועט דער צוא גיוויס העלפין. דער
מאן האט איר ערלויבט אונ זי איז אוועק צו דעם גוטין אידין.
זיא האט אים דער ציילט איר גאנצע געשיכטע אונ דער רבי האט
איר געגעבין אפערזיגעלטע קעסטעלע. אונ האט איר פארזאגט
דאש זיא זאל דיזע קעסטעלע טראגין דריי מאל אטאג אין דיא
שפייזארנעס. אין די קעלערין. אין די שטאלין. אין די לאראווניעס.
אין דיא גומנעס אונ אין די גערטנער אונ זעלבסט אין אשיינעם
וועטער אויף דיא פעלדער. דעם ערסטין מאל זאל זי טראגין

פארטאג



פארטאג. דעם אנדערין מאל נאך מיטאג. אונ דריטין מאל פר
דעם שלאף. די ווייביל האט עס ריכטיג מקיים גיווען. אונ דיא
ווירטשאפט האט אן גיהייבין צו גיין פיל בעסער. די ווייביל וואר
העכסט צוא פרידין. אונ איז זיך איבער איאר ווידער גיפארין
צום רעבין. אונ דער רבי האט איר גיהייסין ווייטער טראגין
נאך איאר אונ דיא ווירטשאפט האט זיך נאך פארבעסערט.
אונ עס וואר נאך דעם צווייטין יאר איז זיא ווייטער גיפארין צו
דעם רעבין אונ האט אים אפגיגעבין די קעסטיל. אונ דאן האט
ער די קעסטיל געעפינט פאר אירע אויגין אונ האט איר געוויזין
דאס די קעסטיל איז ליידיג אונ פוסט. אונ די גאנצע בעסרונג
פון די ווירטשאפט איז נאר חייל זיא האט דיך אלע טאג גיפונגען
דרייא מאל אין יעדין ארט אונ איר השגחה וואר איבער דיא
פאראפקעס. איבער דיא שפינעקעס. איבער דיא מילבניקס.
איבער דיא בהמות. איבער דיא גערטנער. עס וואר אלעם גוט
בעארבייט אונ גוט איין געהיט. דא האט זי צו אים געזאגט ווען
די זאך אזו איז ווארום האט איר מיר נאך געגעבין די קעסטעלע.
האט איר דאך מיר געקענט אזו הייסין אכטונג געבין אין יעדער
ארט. ניין מיין טאכטער האט ער איר געענטפערט דאן וואלסט
דוא דיך גיפוילט. ווען דו ביזט דאך מער ניט ווי איין שטאט
ווייביל. נון אבער וויא איך האב דיר געגעבין דיא קעסטיל
האסט דוא שוין די זאך זייער פלייסיג אפ געהיט אונ גאט האט
גיהאלפין. איצונד אבער ברויכסט דו שוין ניט מער די קעסטעלע.
דו ביזט שוין איין געוואונט צו זיין איינע רעכטע ווירטין. אונ
די ברכה וועט זיך שוין פון דיין שטוב ניט אפ טאן. ציהע אין

פר ידין

פרידין. דורך דיזע ווערטער איז דער רעבע גיווארין נאך פיל
טאקעפער ביי דיזע נגידה אונ זי האט אים זייער רייך באשאנקן:
וכבר נשאל שאלה) אונ עס איז שוין לאנג גיפרעגט גיווארין
איינע פראגע נאך אין דיא צייטין פון אונזערע חכמים
ז"ל (איזהו עשיר) דאש הייסט ווער איז איין עושר. האט ר'
עקיבא גיענטפערט דער וואש האט אווייב מיט שיינע מעשים.
נון ווארום גיוויס דארונטער גימיינט אויך איינע גוטע ווירטין.
חייל, דאש איז דר יסוד פון הייזליכען גליק אונ דאש טראגט איין
דעם מאן מער אלס אנדערע הכנסות דאש מע קען אים ווירקליך
רופין דער פאר מיט דעם נאמען עשיר דען אווייב איין אשת
חיל שפאלט איין גראשין אויף צעהען. אונ קומט אויש מיט
ווינציגער. אלס איינע שלימעזאלניצע מיט טויזנדע רובל.
גינוג איך וויל דאריבער מער ניט ריידין חייל עש איז שוין דער
פון גינוג גישפראכין גיווארין אין דעם קאפיטיל פון אשת חיל
אונ אין בן סירא אונ אין כמה שטעלין פון דר גמרא. אונ בפרט
ווי איך האב נאך בדעה צו שרייבין איין בעזונדער ספר איבער
דיא הנהגה פון פרויען:

וכן יש יקושים רבים לשלשה הענינים האמורים) אונ אזו זייגן
דא נאך זייער פיל שטערונגען אונ פארדארבענהייטין וואש
שאטין זייער אונ זייער צוא יענע דרייא ענינים. נאר ניט אין
דיזן קליינעם ספר איז דער ארט זיי אלעמען אויש צו שרייבין
אונ אויש צוא רעכענען דען עס וואלט דארפין פארנעמען כמה
וכמה בויגין. נון קען איך מער ניט זאגין דער ביי די ווערטער
פון שלמה המלך עליו השלום. (ויותר מהמה בני הזהר עשות





ספרים הרבה אין קץ) דאש הייסט. אונ אזוא היטע דיך איין
פון נאך אזעלכע שעדליכע זאכין דען אלעס אוים צוא שרייבין
מוז מען דאך מאכין ביכער גאר אן אשיעור:

## ה

### אין דעם קאפיטיל ווערט גישפראכין איבער נאך אנדערע דרייא וויכטיגע זאכין. וואונונג. עסין. אונ קליידונג. וואש אלע דריי זייגען די נייטיגסטע באדערפעניס פון מענשין אין דיזעם עולם:

אמנם אין סופר ואין שוקל מספר הצטרכות האדם) עס איז
וואר דאש קיין מענש איז ניט אין שטאנד אויש צוא
ציילין אונ אויש צוא רעכענען אלע הצטרכות פון מענשין דען
זייא זייגען גאר אן אשיעור. דאך אבער קענען מיר זייא איין
טיילין (קלאסעפיצירין) אין דרייא טייל. עסין. וואונונג. אונ
קליידין. דען יעדע באדערפעניס אונ יעדער פארגעניגען מוז
גיהערין צוא איינער פון דיא דרייא קלאסין. צום ביישפיל
באלייכטונג. באהייצונג. שיינע מעביל. גארדינען. אונ אזוא
אויך עקיפאזין (ווענין צום פארין) גייען ארונטער אונטער דיא
קלאסע פון וואונונג. צירונג. בעטגיוואנט. שיינע דיוואנעס
אונ דאס גלייכין ווערין גירעכינט אין דער קלאסע פון קליידונג
גוטע בעדער. פראפוכטע. זינגען. שפילען טאנצען אונ אזוא
נאך אנדערע פארגעניגען זייגען אריין גיציילט אין דיא קלאסע
פון עסין. אונ ווערין אלע פארשטאנען אונטער דעם ווארט משתה

אמלעם אונ באברעם טראגין שוין מארק ווייבער · אונ דיא טעכטער פון שומרים :

פליאה דעת ממני איך ישנו בני אדם באולת כזאת) איך קען עש ניט באגרייפין אונ פארשטיין וויא מענשין קענען זיך אזוא ווייט פאר אירין צו טאן אזעלכע דומהייטין וואש יעדר בראווער מאן דארף זיך דאריבער זאט · אן לאכין אונ אויך עס גינוג באדויערין אונ באוואונדערין · דען מע זעט גאנץ אפט ווי עס גייען פרויען פון גימיינעם שטאנד אן גיטאן אין אמלעם · פעריל אויף דעם האלדז · אונ אקינד אויף דער האנט · די שיך אונ זאקין שמוציג אונ אפט נאך גאר צו ריסין · עס איז גיוויש דאש אזעלכע האט אויך קיין ווייסעם העמד · אונ גלויבט דאך נאקעט צו זיין · ווען זיא גאר אן צירונג גייט · איך וואר אמאל באיי איינעם אייגבינדער אין שטוב עס וואר דארטין גינוג איינג גינוג שמוציג · דר נויט האט ארויש גיקוקט דורך יעדע שפארע · די ארעמקייט האט ארוים גישיינט פון יעדער שצעלקע · אונ די ווירטין וואש וואר גיט ריינער אלש איר פארלאנגע · שוין ניט מער יונג · אונ אפ גינאסין מיט אשטויביגין שווייס האט פלעצליך אנגישריי גיטאן צו איר דינסט מיידיל אלס זי האט גיזעהין דורך דעם פענסטער דאש פרעמדע מענשין גייען צו איר אין שטוב · אבראנד אין דיר סערקע · דער לאנג מיר די פעריל · איך זיץ דאך עפעס וויא איך ווייס ניט וואש · מיט אהיילין האלדז · נון אין צוא זעהין ווי פעריל איז גיווארין באיי דעם צארנען נאראד גוישווענדיג · עש מוז דיא ארעמסטע האלז צירין · אימער אונ בעשטענדיג :





וכן לא ארפך קורא נעים עד כי נבא על החשבון בדבר הזה) איך ווערדע דיך מיין טייערער לעזער אונ לעזערין ניט אפהאלטין ביז איך ווערדע מיך מיט דיר גוט אוישרעכענען איבר דיזער זאך · דה גייסט אין אמלעם · אין פעריל · אין באברעם דאמיט יעדער זאל דיך גוט באטרעכטין אין נאם אונ ווען דיך דאן באוואונדערין · עס איז וואהר · עס איז גאנץ מיגלאך דש מאנכר ווערט זיך אפשטעלין אונ ווערט זאגין · דאש איז וואזנע פעריל · אטייערער שילאפ · איין אוישגיצייכנעטער פוטער · עס קלייט איר זייער · נוא זי זעט אויש ווי אמאנגנאמקע וויא אשארעסטע ניט דא וואש צו ריידין · אשיינע נקבה · יענער ווערט נאך אבער ניט פאספייען צו ענדין זיינע באוואונדערונג אונ איין צווייטער ווערט זיך שוין אפרופין אונ ווערט זאגין · דוא ווייסט ווער זי איז דוא מיינסט אין דער אמת דאש זי איז עפעס אלייטעם מענש · זי איז דאך איצקע דעם באטעניקס ווייב · זי האט גידינט באיי יענטקע די בלינצע מאבערקע בבה יאר · מע זאגט מאקע דאש זי האט ארוים גיטראגין פון דארטין אקאסטין גרץ · זיא האט זיך דארטין הר קויבערט · עס פלעגט דאך דארטין זיין פול פון אלע פיינע יונגען · אונ אזו ווערט ארום גישפראכין אימער פון יעדר פרוי אונ פון יעדין מענשין וואש גייט ארוים גיקליידעט ניט נאך זיין גראד אין יחוס אונ אין פארמעגין · מען איז זיא דן אויף יעדער טריט · מע זוכט אויף זייא יעדע פארגעסענע זינד · מע רעכינט אויש ווער עס וואדין זייערע אבות אבותיהם · אונ בפרט ווען דיא פערפוצטע פרוי איז נאך איצונד אויך גאר אמארק איידעלע אסחרייקע · אגיבעק אום טראגנערקע · אונ דר פערפוצטער

יונגער מאן איז גאר אחויחע אשוכר . אגאס מאן . אונ דאס גלייכן מע באמיילט אוים צוא זיי אלע בייזע חלומות אונ דאנכער איז נאך ניט פויל צו זאגין האסט דו גיזעהין וואש איינע פארכאגט דאש איז אביסעל אפירע. פרעגט צו האט איר מאן פארדאטקס באצאלט . אויף פסח ווערט דאש אלץ פארזעצט . איר מוטער גייט דאך איבער די הייזער . זי איז דאך העגע די הינקעדיקעם טאבטער . וואלט ניט מער מצוה גיוועז דאש זי זאל דיזעם אלט מענש וואש אונטער העלפין. זי טאר דאך גאר אויף אירע אויגן ניט קומען . נון וועלין מיר האלטין אין דער סברא עס וועט דיר גליקין דאש דוא זאלסט מיט דיינע טייערע קליידער וואש זייא קאסטין דיר גוט אונ בלוט. מערער מענשין צו גיפעלין אלס צו דער דאנזעגען. ווייל דאש רוב עולם קען דיך ניט אונ מע וועט דאך מיינען דאש דוא ביזט איז דאמע איין לייטעש מענש . נון הייסט עס זיך זעלבסט באטריגין . דו בוזט דר ביי פערלייקענען דיין נאמען . דיין שטאנד , אונ שפילסט דער בייא די דאלע פון אפארשטעלענעם . אונ די ביסיל עהרע אונ באוואונדערונג וואש דו באקומסט פון יענע מענשין וואש קענן דיך ניט גיהערט עס גאר צוא דיינע קליידער . צו דיינע פעריל אונ ניט צו דיר דען וועז יענע וואלטין וויסין באמת ווער דוא ביזט וואלטין זייא דיך באטראכטין אין דיינעם שיינעם אן צוג ענטוועדער פר אגרויסין נארין אדער פר איינע אומערליכעם מענש וואש פוצט זיך אוים ווי אגילאנטע שטיקיל סחורה אום צו פארהאנדלען זיך צו יענעם וואש דיך האנדלען וויל :

ומה אומר ומה אדבר) אונ וואש זאל איך שוין ריידין. אונ שפרעכין



שפרעכין פון יענע נארין וואש מאכין זיך טייערע קליידר נאך גאר איבער זייערע כוחות. מען בארגט בייא טענדלערקעס . מע צאלט אוים פאר איין רוביל צוויי . דאש קלייד איז שוין צו ריסין . ניין צו פוילט מיין איך . אדער צו טאצעט פון מייז . פון מאל. דען מע וואונט דאך זייער איינג אונ שמוציג אונ מע האט נאך ניט גיקאנצעט אויש צו צאלין פאר איר די טענדלערקע . אהאלבער גמילות חסד איז פארלייגט מיט אזעלכע משכנות :

וכן ראיתי) אונ אזוא אויך האב איך באמערקט דאש דיזע אונזיטע (אונרעכט) שטערט דעם גאנצין הויז פרידען דען ווען מען איין מאל זיך אין דער וועלט מיט פעריל אריין גיוויזין דא פאסט שוין ניט צו ווייזין זיך דעם צווייטין מאל אן פעריל אונ ווייל מע לעבט אן אבערעכענונג אין יעדער זאך אונ פשיטא שוקאין די ענינים וואש איז נוגע צו צירונג אונ קליידונג . איז דאך לא ימלט . דאש דיא פעריל זאלין ניט ווערין אומגיזאכט פאר זעצט . נון קומט אן דער ליבער יום טוב . מע מוז גיין אין שול . מע מוז גיין גוט יום טוב בימין . מע מוז גיין שפאצירין . מע הארף זויף נעמען געשט בייא זיך אין שטוב . מע וואונט מיט שכנים שונאים אונ די פעריל איז ניט דא . דאן שווער נויט . איז שוין בעסער דער טויט . דער מאן מעג דאן מיט דעם קאפ פארלירין . אלע דיינע גישעפטין פארפייגין . ער מעג פון דר וועלט אומקומען . נאר די פעריל באקומען :

ומה יקר מהשלום) אונ וואו . איז נאך דא אין דער וועלט אזוא אטייערער קליינאד ווי דער שלום איז . דער בורא ברוך הוא האט גילאזט זיי נאמען מעקין צוא ליב דעם שלום . אונ דוא

דוא המעש ווייבבען ווילשט דעם שלום שטערין צו ליב דיינע נארעשע פערעלאך וואש דיינען שוין באמת אין גאנץ אראפייע פון דער מאדע אויש. טויזענדע בינד פעריל מענין ניין כפרה פאר איינע פרידליכע שטונדע. (אם אין שלום אין כלום) ווען קיין פרידין איז. איז אלעם ווישט. דיא שענסטע צירונג פון איינער פרויא איז נאר אגיזונטעס גיזיכט. אפריילעכע מינע. אשיינע אויף פירונג. איינפאכע פראסטע אונ רייכע קליידונג. אונ נאך מער פאר אלין צוא זיין טהעטיג. ארביטזאם. אפאר קלוגע אויגין. מער אלש פעריל טויגין. אונ שיינע דבורים. שטילין אין אלע יסורים. אונ אשיינעש באנעמען. מאכט אלע מאדגצעם באשעמען:

ועתה אחרי דברי אליך כל אלה) נון וויא איך האב שוין דא דיר דיזע אלע נייטיגע ווערטער אויש גירעט בלייבט מיר. נאך איבעריג דיר צו זאגין דאש ווען מיר מענשין זיינען שוין גיקומען איין מאל צו דער דרגה דאש קליידער איז גיווארין ביי אונז איינע הצטרכות וויא עסין אונ זיי אוואונונג. דאש ביזא דיזער הצטרכות זיינען ניט אלע מענשין גלייך ווייל דער ענין פון קליידונג צו טיילט זיך אין פיר קלאסין. די ערשטע קלאסע איז אין זיך כולל נאר אזעלכע בגדים וואש מע זאל זיך מיט זיי באדעקין די נאקעטקייט פון קערפער דאש עס זאל זיך ניט ארויס זעהין קיין דבר ערוה וויא דיא גארטלען וויא אדם אונ זיין ווייב האבין. זיך מיט זיי ארום גיהאנגין. אדער וויא מכנסים (הויזין) פון די כהנים וואש זיינען גימאכט גיווארין נאר צו ליב דעם. אונ עד היום זייען אזוא גיקליידעט יענע מענשין וואש וואונען





אין די הייסע לענדער: דאס הייסט ווייבער טראגין נאר קורצע שפאדניצעס. אונ מאנש לייט טראגין נאר קורצע הויזין. די צווייטע קלאסע איז אין זיך כולל אזעלכע קליידער וואש זאלין אונז שיצין פון קעלט. למשל וויא אונזערע לענדער וואש עס איז אימער ניט ווארעם אונ דאש זיינען שוין. קאפאטעס. פלאשצין. פוטערס. אונ אזוא אויך אלער האנד ווייבערשע קליידער וואש שיצין פון קעלט אונ פון רעגין אונ אגב דעקין זיי שוין איין יעדער מקום ערוה אונ מיר האבין שוין פון זייא איין גיטאפילטין נוצען. די דריטע קלאסע איז אין זיך כולל יענע מיני בגדים וואש זיינען נאר גימאכט צום צירונג אליין למשל פעריל. אוירינגלאך אונ נאך אזעלכע תכשיטים. דיא פערטע קלאסע איז אין זיך כולל אזעלכע קליידונג וואש זיינען גימאכט ניט איינצודעקין דיא נאקעטקייט. ניט אום צו שיצין פון קעלט. ניט צום צירונג. נאר צום באצייכענען מיט זיי די מענשין וואש טראגין זיי דאש זיי זיינען פון איין אנדער שטאנד אונ ראנג. למשל אקרוין באצייכענט איין קיניג. אונ דאש זעלבע איז דער פורפער דער הערמעליין (אפוטער אזעלכער וואש דר קיניג טוט עס אן צו קראנאציע) איז אויך נאר גימאכט מער ניט צוא באדייטען מיט זייא זיינע גרויסע ווירדע. ריטער באנדין שליפעס. ארדין. זיינען גימאכט צו באצייכענען דיא ווירדע פון יענעראלין. אונ אזוא נאך מער וויא מיר גיפינען ביי דיא בגדים פון כהן גדול:

נון מיר אידין וואש וואונען דא אין רוסלאנד וואש דיא אוירים זיינען ניט ווארעם גיהערין מיר צו גיברויכין נאר די קליידער

וואש גייען ארונטער אונטער דר צווייטער קלאסע דאש הייסט
די וואש האבין אין זיך דעם גיטאפילטין נוצען וואש באדעקין
דיא ערוה אונ שיצין פון קעלט . אונ דאש איז נאקקטאלט פון
יענע קליידער וואש דער בורא ברוך הוא האט גימאכט דעם
ערסטין מאל אדם אונ זיין ווייב (כתנות עור) זאגין דארויף
אונזערע חכמים דאש דער מיין איז דער פון וואלציינענע
קליידער . דען זיי טייצין דעם ווארט עור ניט פעל נאר די האר
וואש וואקסט אויף איין פעל . אבער דאך פארשטייט זיך פון
זעלבסט ווען אויך דאש קלייד גיהערט צו זיין נאר פון פראסטין
אונ שטארקין שטאף . דאך דארף זיא זיין זייער ריין . זויבער
אונ גינייט נעט נאך דער מאס . אונ מיט גישמאק . דער רעכטער
זייט דארף זיין אימער שענער פאר דעם לינקען זייט . דען אזו
גיפינען מיר אויך אין דער גאנצער בריאה דאש אלע ברואים
אונ (צמחים) גיוועקסע זיינען זייער שיין צוא גיקליבין . אונ
נייזין אוים פאר דעם אויג דעם מענשין פיל שענער אלס וויא
זיי זיינען אין דער איינעווייניגסטע זייטע . למשל יעדער בלאט
פון בוים יעדער פעדער פון אפויגיל איז דער רעכטער זייט אלע
מאל גלאנציגער אונ עכטער אלס דער פארקערטער זייט . נון
דארפין מיר מענשין זעהין צו פאראייניגען אין אונזערע קליידר
די נוצינקייט . די שטארקייט אונ די גישמאקהאפטיקייט . אונ
גינוג צירונג . קליינאדין אונ שמוק אבער מוזין מיר לאזין
גאנץ אנבאארירט . ווי דער בורא האט זיך דאן מיט דם ערסטין
מענשין גיפירט . אויב וואול ער האט גיהאט גינוג . דימאנטין .
בורלאנטין ריידענציג פורפער אונ אנדערע שטאף גאר אן אסוף:

והית



והיה אם תשאלני) נון ווערסט דוא מיך דאך אבער פרעגין צוא
וואש האט גאר דער בורא ברוך הוא באשאפין צירונג
אויף דער וועלט ווען מאן דארף קליידער נאר אום זיך צו שיצין
פון קעלט ? דא ווערדע איך דיר דארויף אויך אנטוואורטין אונ
זאגין . ערסטינס האט זיא דער בורא ברוך הוא גישאפין אום
נאר צוא צירין מיט זייא כלות וויא מיר גיפינען דאש ער האט
חוען אונזער מוטער אויש גיפוצט מיט פיר אונ צוואנציגערליי
צירונגען בשעת ער האט זי גיבראכט צו אדם . אונ נאך עד
היום ווערין כלות גיפוצט אין אלע לענדער פון דער וועלט .
זעלבסט דיא נאטור פוצט זיך אויך אויש זייער שיין אין דיא
טעג פון איר האכצייט אונ דאס איז אין דער צייט פון פרילינג
אדער וויאסנע וואש זיא הייבט אן דאן צו ליבען זיך מיט דער
ערד אונ צוא באפרוכטען זיא . זיא צירט זיך אוים מיט פיל
בלומען אונ רייזעלאך גלייך ווי איינע ברויט (כלה) אין דעם טאג
פון דער חופה . צווייטענס זיינען דיא קליינאדען גישאפין
גיוואורין אום אויש צוא פוצען מיט זיי דעם בית המקדש .
דיא שולען . דיא ספרי תורות . וויא אונזערע חכמים זאגין
דאש דיא ארזים זיינען גישאפין וואורין אום נאר צו בויען מיט
זייא דעם היכל אונ ווייטער איז דיא וועלט ניט ראוי צוא ניצין
דער מיט (תרומה לה') דריטענס עס זאלין זיך דער מיט אוים
צייכענען גרויסע גבירים אונ אדירים דאמיט מע זאל וויסען
דאש זייא זיינען ווירקליך פון גרויסין רייכטום אונ מע זאל זיי
חולק כבוד זיין וואש עס קומט זיי באמת . לבד זה האט גאלד
אונ זילבער אין זיך נאך גאר איין אנדר בעשטימונג . דאש מע

זאל

NB

rhetorical questions

זאל מאכין פון זייא מינצען . דען אן אמטבע קען מען נאר
קיינע רייזע מאכין וויא אונזערע חכמים זאגין דארטין אין
פרשה תרומה (טובה גדולה חלק הקב"ה לעולמו בזהב יש אדם
פורט זהוב אחד והוא מוציא ממנה כמה יציאות) דאש הייסט
גאט האט מיט דעם גאלד זיין וועלט גליקלאך גימאכט . אמענש
בייט אום איין דוקאטין אונ ער באקומט דער פאר אלע זיינע
נייטיגע זאכין . אונ ווידער קען גיטאלט זיין דאש גאט האט עס
גישאפין אום אויש צוא צאלין דער מיט דעם שכר צוא דיא
רשעים אויף דיזעם עולם וויא דיא חכמים זאגין אויף דעם ווין
אונ אזוי קענען מיר גיפינען נאך פיל אנדערע טעמים וואש ניט
דא איז דער ארט זייא צוא שרייבין . דער גימיינער מאן אבער
באהיטע גאט טאר זיך דר צו ניט צו רירען . ער וועט דורך דעם
פארלירען זיין מנוחה . ער וועט זיך קויפען אומזיסטע שונאים
ער וועט זיך מיט זיינע טייערע זאכין . נאר מאכין צו לאכין .
נון האב איך שוין דאריבער גינוג גירעדט אבער נאך ניט וויא
גיהערט . דען אונזער דור איז אין דעם זייער פארפירט · עס
האט נאך נימאלס אזוא פאסירט :

## ו

### אין דיזען קאפיטיל ווירד געשריבין וויא אמענש זאל זיך אויף פירין מיט זיך זעלבסט . מיט זיינע הויזלייטע . אונ מיט אלע איבעריגע מענשין פון דער וועלט :

לעולם יסדר אדם מדותיו בדבר הנהגותיו את בני האדם לשלשה
מערכות



מערכות) איין קלוגר מענש גיהערט איין צו טיילען זיין הנהגה
אין דער וועלט מיט לייטין אין דרייא קלאסין . די הנהגה מיט
זיך אליין דארף זיין אנדרש אלס די הנהגה מיט זיינע הויזלייטע
אונ די הנהגה מיט זיינע הויזלייטע דארף זיין ווידער אנדרש אלס
די הנהגה מיט די איבעריגע מענשין פון דר וועלט . איבער זיך
אליין גהערט איין קלוגער אונ איין ערליבער מאן צו זיין איין טיראן
איין אכזר . ער טאר זיך ניט מוחל זיין דעם קלענסטין פעלער וואש
ער האט גמאכט . ער מוז זיך זעלבסט באשטראפין פר די קלענסטע
דומהייט וואש ער האט גיטאן גירעט אונ זעלבסט געדיינקט . ער
מוז האלטין אין צוויק אלע זיינע כוחות הגופניות אונ כוחות
הנפשיות *) ווי איין שטריינגער יענעראל וואש האלט איין זיינע
פולקען . אונ וואש פארשטייט זייער גוט די טכסיסי המלחמה
(קריגס קונסט) אונ וויים אויף קלאר ווען ער זאל זיך אין שלאכט
באדינען מיט דיא פעהאטע אונ ווען ער זאל זיך באדינען מיט
די רייטערי אונ ווען מיט די קאנאנען (הארמאטין) אונ ווען ער
זאל נאך נאר דארפין צאפנען צוריק (ראטעדירין) ווי דר פסוק
זאגט אין איוב (הלא צבא לאנוש עלי ארץ) דאש הייסט דער
מענש מוז לעבין אויף דיזעם עולם ווי איין שטרייטער . יעדער
פון אונז האט שולט צו זיין איבער אגרוישין הארמייע (ארמעע)
וואש זיינען פיל ווילדער אונ שטארקער אלס דיא סאלדאטין

*) דיא כוחות הגופניות זיינען פראסט גבורה . אונ אלע פינף חושים. דאס זעהין. דאס הערין, שמעקין . פילין. אונ גישמאק אין מויל . דיא כוחות הנפשיות זיינען דיא גייסטיגע קרעפטין . כעס . אכזריות , קנאה . שנאה . רחמנות . ליבשאפט . שקר . נקמה . אונ נאך אזעלכע מדות רעות אונ טובות :

פון אמלק . דען ווער איז אזוא מעכטיג וויא דער צארין . ווער
איז רייסענדר אלס די ראכע (נקמה) אונ ווער איז פארהערבליכר
אלס דר נייד (קנאה) אונ ווער איז גיפטיגער אלס די ליידענשאפט
(תאוה) אונ אזו נאך אנדרע מדות רעות . דאש הייסט שלעכטע
זיטין אונ גיפערליכע וואס קוואטירין אין אונזער הערצין גאר אן
אשיעור פון אונזער גיבארענע שעה אן . מיר מוזין איבער דיזען
ווילדין קארפוס זיין זעלבסט אונטער אפיצירן . אויבר אפיצירן .
קאפיטאן . מאיאר . פולקאווניק . יענעראל . פעלד מארשאל .
אונ צו צייטין אויך קיניג זיין . ווי דער פסוק זאגט (וימלך לבי
עלי) אונ וויא אונזערע חכמים דער ציילין עס פון אברהם אונ
זיין קנעכט אליעזר . דאש זייא ביידע האבין גיהאט אגרויסע
שליטה איבר זיך אונ נעמען עס ארויש פון דעם פסוק (המושל
בכל אשר לו) דאש הייסט ער האט מושל גיוועזן איבער אלע
זיינע רמ"ח אברים ווי זיין הער-אברהם וואש זיין נאמען טרעפט
אן דעם כמספר פון רמ"ח ווייל זיינע רמ"ח גלידער זיינען גיוועזן
משועבדים צוא אים אליין נון ווערדע איך דיר מיינע לעזערין
דאש מעתיק זיין (ערקלערין) מיט אקליינע וואהרע גישיכטע
וואש וואר אין דער לאנד הודו :

לפנים היה מלך עז בארץ הודו) עס וואר אמאל אין
אסטאינדיען איין מעכטיגער קיניג . ער וואר צוואר
אגרוישער חכם אבער אגרויסר בעל התאוה אונ אגרויסער רודף
אחר הכבוד . דאך אבער האט ער אין זיך גיהאט איין מדה
טובה דאס ער האט זייער טייער גיהאלטין דיא חכמים פון זיין
מדינה . אונ דאש אליין איז שוין גינוג איינעם מענשין מחזיר
למוטב



למוטב צוא זיין וויא אונזערע חכמים זאגין (לא חרבה ירושלים
אלא על שביזו בה תלמידי חכמים) דאש הייסט ירושלים וואש
האט אויש גיטאן אלע עונות פון דער וועלט איז ניט חרוב
גיווארין מער ניט וויא פאר דעם ווען וואש זייא האבין כבזה
גיוועזן דיא חכמים . אונ דאש איז נאר ווייל כל זמן דער מענש
אכטעט דעם חכם איז נאך אסברה דאס ער זאל פון אים אן
נעמען דברי כבושים . מוכר דרך ארץ . וויא אונזערע חכמים
דער ציילין פון שלמה המלך דאש כל זמן עס האט גילעבט זיין
רבי שמעי בן גרא וואר שלמה העכסט פרום . ווען אבער מע
לאכט זיך שוין אויש אויך פון חכם . דא איז שוין מער קיין
האפענונג פון בעסערונג . פונקט וויא איין חולה וואש לאכט זיך
אויש פון זיין דאקטאר אונ האלטין שוין ניט פון זיינע רעצעפטין
נון לאמיר זיך אום קערין צוא מיינער ערציילונג . מעהר פאר
אלעמען האט ער אבער גישעצט אונ גיהערט זיינעם איוגענד
פריינד וואש האט גילערינט מיט אים צוא זאמען אין איין שול
ער וואר צוואר איין האנד ווערקס אזון ער וואר אבער אגרויסר
חכם אונ איין איש יקר מיט זעלטענע מדות :

ויהי היום) אונ עס וואר אין אגעוויסען טאג האט דער קיניג
גיטאן אגרויסעם אומרעכט . ער איז באגאנגען אזינד .
וואש דאש האט זייער פארדראסין זיין חבר . נון איז ער אריין
צום קיניג אין ציכער . אונ האט זיך גיזעצט אויף זיין שטול
אונ האט גיהייסין דעם קיניג גלייך וויא איין הער באפעלט זיין
דינער דאס ער זאל אים דער לאנגען אגלאז וויין אונ זאל מאכין
צו רעכט דיא בעט . נון פארשטייט זיך פון זעלבסט דאס דער
קיניג

קֶינִיג אִיז גִיוָואָרִין הֶעכְסְט פַארְדְרִיסְלִיךְ אִיבֶּער דֶעם חָבֵר אוּנ
הָאט צוּא אִים גִיזָאגְט נוּן וִויא אִיךְ זֶעה בִּיזְט דוּ פוּן גְרוֹיס חָכְמָה
גָאר מְשׁוּגָע גִיוָואָרִין אָדֶער דוּא הָאסְט גָאר פַארְגֶעסִין וֶוער אִיךְ
בִּין אוּנ וֶוער דוּ בִּיזְט . נֵיין אִיךְ בִּין גָאר נִיט מְשׁוּגָע . הָאט אִים
אָפְּגִיעֶנְטְפֶערְט דֶער חָכָם . וֶוען אִיךְ בִּין אַהֶער אִיבֶּער דֶעם בַּיי
וֶועם דוּא בִּיזְט אַיין עֶבֶד פְּשִׁיטָא דָאשׁ אִיךְ בִּין שׁוֹין אַיין הֶער
אִיבֶּער דִיךְ זֶעלְבְּסְט. וִוי אַזוֹ הָאט אִים דֶער קֶינִיג גִיפְרֶעגְט זַייעֶר
הַאסְטִיג. עֶס אִיז דִיא זַאךְ גַאנְץ רִיכְטִיג הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט דֶער
חָכָם . וֶוען דוּא בִּיזְט אַיין עֶבֶד צוּ דֶעם יֵצֶר הָרָע אִיבֶּער וֶועלְכִין
אִיךְ בִּין שׁוֹלֵט. נוּן שְׁטֵייט דִיר שׁוֹין אָן צוּ זַיין אַיין עֶבֶד בַּיי מִיר :
המלך שמע ויכלם) דֶער קֶינִיג הָאט דֶער הֶערְט דִיזֶע רֵייד אוּנ
אִיז גִיוָואָרִין זֵייעֶר פַאר שֶׁעמְט אוּנ הָאט אִים גִיעֶנְטְפֶערְט
פוּן נוּן אָן בְּלַייבּ אִיךְ טַאקֶע דַיין קְנֶעכְט אוֹיף אִימֶער . דָאשׁ
הֵייסְט עֶר וֶועט אִים אִימֶער פָאלְגִין אוּנ אִיז גִיוָואָרִין בֶּאֱמֶת אַיין
מֶלֶךְ שֶׁל חֶסֶד . אוֹיךְ וֶוערְט דֶער צֵיילְט פוּן דֶעם גְרוֹיסִין קָאלִיף
זָאלַאדִין קֶינִיג פוּן מִצְרַיִם וָואשׁ עֶר וַואר אַגְרוֹיסֶר גִבּוֹר מִלְחָמָה
אוּנ אַגְרוֹישֶׁער חָכָם אוּנ אַגְרוֹישֶׁער בַּעַל מִדוֹת דָשׁ וִיצִינְדִיג אַמָאל
בַּיי דֶעם טִישׁ הָאט אִים זַיין בַּאדִינְטֶער נִיט וִוילֶענְדִיג אַרוּפ
גִיגָאסִין אוֹיף זַיין קָאפּ אַזוּדִיגֶע שִׁיסִיל רֵייז . נוּן וַואר דֶר קָאלִיף
זֵייעֶר צָארְנִיג אוּנ הָאט שׁוֹין אַרוֹישׁ גִיצוֹיגִין זַיין קִינְזַאל אוּנ וַואר
שׁוֹין אִין בַּאגְרִיף (בְּדֵעָה) צוּא דֶער שְׁטֶעכִין דֶעם בַּאדִינְטֶען
אוֹיף דֶר שְׁטֶעלֶע. אוּנ אִין יֶענֶע לֶענְדֶער אִיז נָאר דָאשׁ קְלֶענְכְטֶע
דֶעק דָארְטִין הָאט דֶער סוּלְטַאן דָאס רֶעכְט צוּ טֵייטֶען פוּן זַיינֶע
דִינֶער אַלֶע טָאג אַכְצִין מֶענְשִׁין . אוּנ פְלֶעגְט מַאכִין עֶס טַאקֶע
צום



צוּם גִיבְּרוֹיךְ טֶעגְלִיךְ . קַאם הָאט דֶער קְנֶעכְט דֶער זֶעהֶען דֶעם
צָארִין פוּן זַיין הֶערִין . אִיז עֶר גִיפַאלִין פַאר אִים אוֹיף דִי קְנִיא
אוּנ הָאט אָן גִיהֵייבִּין צוּא זָאגִין פַאר אִים פְּסוּקִים פוּן דֶעם
אַלְקָארַאן (דָאשׁ אִיז זֵייעֶר תוֹרָה בּוּךְ) דֶר גַן עֵדֶן אִיז אָפִין נָאר
פַאר יֶענֶע וָואשׁ זַיינֶען זִיךְ מִתְגַבֵּר אִיבֶּער זֵייעֶר צָארִין . אִיךְ
צִירְנֶע שׁוֹין נִיט. הָאט זִיךְ אָפְּגִירוּפִין סָאלַאדִין. אוּנ דֶער קְנֶעכְט
הָאט גִיזָאגְט אַיין צְוַוייטִין פָּסוּק אוּנ נָאךְ מֶער שְׁטֵייעֶן דִי טִירִין
פוּן גַן עֵדֶן אָפִין פַאר יֶענֶע מֶענְשִׁין וָואשׁ פַארְגֶעסִין אֵיינֶע
בַּאלֵיידִיגוּנְג אוּנ זַיינֶען זִיךְ נִיט נוֹקֵם אָן זֵייעֶרֶע פַיינְדֶע. אִיךְ
פַארְצֵייהֶע דִיר הָאט זִיךְ אָפְּגִירוּפִין סָאלַאדִין . אִיךְ וֶוערְדֶע דִיךְ
קֵיינֶע בֵּייזֶעס טָאן אוּנ וֶוערְדֶע דִיךְ נִיט בַּאשְׁטְרָאפִין . אוּנ דֶער
קְנֶעכְט וָואשׁ וַואר נָאךְ נִיט צוּ פְרִידִין דֶער מִיט הָאט אִים נָאךְ
אַיין דְרִיטִין פָּסוּק פָארְגִילֵייעֶנְט . אוּנ נָאךְ מֶער פַאר אַלֶעמֶען
אִיז דֶער גַן עֵדֶן בְּרֵייט פַאר יֶענֶע וָואשׁ פַארְגֶעלְטִין גוּטֶעס פַאר
בֵּייזֶעס . דוּ בִּיזְט פְרַיי אוּנ הָאסְט נָאךְ דֶער צוּ טוֹיזֶנְד דוּקַאטִין
אַיין גִישֵׁיינְק אוּנ דוּא זָאלְסְט אוֹיךְ אַיין קָאדִי (שׁוֹפֵט) וֶוערִין דֶען
דוּא בִּיזְט גִישֵׁייט אוּנ פַארְשְׁטֵייסְט דֶעם אַלְקָארַאן הָאט אִים
סָאלַאדִין גִיעֶנְטְפֶערְט. דָא הָאט זִיךְ דֶער קְנֶעכְט אַנִידֶער גִישְׁטֶעלְט
אוּנ הָאט צוּא אִים גִיזָאגְט דוּא בִּיזְט גִינֶעדִיגֶער הֶער דוּא בִּיזְט
גְלַייךְ צוּ אֵיינֶעם בּוֹים וָואשׁ עֶר אִיז פוּל מִיט דִי בֶּעסְטֶע פְרוּכְט
אוּנ בַּאשֵׁיינְקְט יֶעדְעהַאנְד וָואשׁ וַוארְפְט אוֹיף אִים אַשְׁטֵיין אַיין
גוּטִין עֶפִּיל אָדֶער אַטֵייעֶרִין אַפֶּעלְצִין :
נוּן קֶענֶען מִיר אוֹיף דִיזֶען סָאלַאדִין זָאגִין דִי וֶוערְטֶער (איזהו
גבור הכובש את כעסו) אוּנ דִיזֶער שְׁפְּרוּךְ וַואר אוֹיס גִינֵייט

אויף זיין שנופטוך . גינוג ווירדיג פאר יעדערן עס נאך צו טאן :
אך את בני ביתו) מיט זיינע הויזלייט אבר גיהערט איין קלוגר
מענש גאנץ גילינד זיך צוא באגיין . ווי אונזערע חכמים
זאגין (לעולם אל יטיל אדם אימה יתרה בתוך ביתו) דאס הייסט
דער מענש גיהערט ניט צו זיין צו שטריינג אין זיין הויז . ווייא
דעם מענשין וואש זיינע הויז לייטע זיינן מיט אים אונצופרידין .
אונ בפרט נאך ווייב אונ קינדער . די גרעסטע פאקויעס ווערדין
דאן צו איינג . אונ זיין נאמען ווערט באשמוצט אין אלע גאסין
פון צעהין זינדין דארף נאר קאם איינע באשטראפט ווערין אונ
דאש אויך זייער גילינד . שלמה המלך האט גיזאגט אין ספר
קהלת (אשר לא תשמע את עבדך מקללך) דאס דוא זאלסט
זיך ניט מאכין הערענדיק זעלבסט ווען דיין איינגענער קנעכט
שילט דיר . אונ אזו אויך דארף יעדער קלוגער מענש אן ווענדין
ביי זיך צו הויז דעם זעלבין דרש וואס אונזערע חכמים דארשענען
אויף דעם פסוק והתעלמת פעמים שאתה מתעלם . דאש הייסט
דוא דארפסט זיך כמה מאל מאכין ניט זעהענדיק . ניט הערנדיק
אונזערע חכמים ווארין אזוא שטארק באזארגט וועגין דעם הויז
פרידין דאש זייא פלעגין פריהער אן קלאפין אין זייער טיהר
בעפאר זייא פלעגין אריין צוא גיין אין שטוב דאמיט זייא
זאלין ניט אריין פלוצלינג אונ זאלן ניט אן טרעפין דיא הויזלייט
בייא אזו אזאך וואש פאסט ניט . ר' שמעון בן יוחאי רעכינט עס
דאש הייסט ווען מע גייט אריין אין שטוב צו זיך אונ פשיטא
שוין צוא איינעם אנדערין ניט אן קלאפענדיג אין טיר פריהער
פון דיא פיר זאכין וואש גאט האט זייא פיינט . ר' יוחנן ווען ער

פלעגט



פלעגט צוא גיין איינעם באזוכין פלעגט ער אהוסט צוא טאן
פריהער ביי דער טיר . ווי לערנען אפ דיזע זיטע פון כהן גדול
דאש ער האט גימוזט האבין גלעקלאך אויף דעם מעיל דאמיט
עס זאל גיהערט ווערין זיין שטימע ווען ער גייט אריין אין היכל
אונ אזוא איז צו פינדען נאך זייער פיל מאמרים אין זבחים אין
פסחים אונ אין מדרש רבה פרשה אחרי אונ דאש איז אלץ ווייל
זייא האבין גוט פארשטאנען וויא נייטיג עס איז צו האבין דיא
הויזלייטע פאר גוטע פריינד אונ זייא לייכט ווידער עס איז זייא
צו מאכין פאר שונאים . דאס זייא דארשענען אויף דעם פסוק
(ברצות ד' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו זה אנשי ביתו) דאס
הייסט זיי זאגין דאש וואש דער פסוק זאגט ווען איינער זיך מאכט
גאט גיפעליג דאן שליסין מיט אים פרידין אויך זיינע שונאים .
איז דאש גימיינט דיא הויזלייטע וואש מע קען זייא זייער
לייכט דער ראגזענען :

**ועתה** נשאר לפנינו להעיר על דבר הנהגת האדם עם יתר
הבריות) נון בלייבט מיר יעצט נאר צו באמערקין איבר
דיא הנהגה פון מענשין מיט אלע איבעריגע לייט . מיט דיזער
דריטער קלאסע מיין טייערער לעזער אונ לעזערין מוזט דוא
זיך גאנץ אנדערש אויף פירין אלס מיט די ערסטע צוויי קלאסין
מענשין דאס הייסט וויא מיט זיך אונ דיינע הויזלייטע . דען
איבער זיך האבע איך דיר גיראטין צוא זיין איין שטרייינגער
(שטרענגער) הער . איין טיראן . איבער דיינע הויזלייטע זאלסט דו
זיין איין גוטער הער . אבער דאך איין הער . איבער דעם עולם
(פובליקום) אבער איז לא די וואש דו זאלסט איבער זיי גאר

קיין

קיין הער זיין . גיין דו װעסט זיך נאך שאצין גליקליך דאס זיי זאלין איבער דיך קיין הער זיין . דען ווי איך קוק אין אין דער וועלט איז יעדר אונפארזיכטיגער מענש איין עבד לרבים . דאס הייסט ער איז מהדר זיך אויף צוא פירין אין אלע זיינע ענינים נאר אויף אזוא איין אופן דאס עס זאל געפעלין דעם עולם אונ קוקט ניט דארויף דאס דורך דיזער אויפפירונג וועלין זיי ווערין גאר אהפך פון זיינען אייגענען נוצין . מיר געפינען דיזע פארקערטהייט ביא דיא אונפארזיכטיגע מענשין אין אלע זייערע מעשים הן אין גרויסע ענינים אונ הן אין קליינע ענינים . אונ דאס קומט נאר ארוים פון הוילע גאוה אונ דומהייט :

שם ילד למולנו) דארטין פון ווייטין אונז אנטקעגין . שייגט צו גיין איינער פון גרויסין פארמעגין . ער איז גיקליידעט זייער גילאנט . אן גיטאן אין טייערע גיוואנט . אין אבאברנעם פוטער . אטייערער אונ אגוטער . דאך ווערין מיר אונז באלד פון איין אנדער לאסין . ווי מיר ווערין אים זעהין דעם פוטער צוא מאכין . אונ ציטערט דאך פאר קעלט . ווייל ער האט מיט דעם פוטער דעם ווארין צוועק (תכלית) פר פעלט . די אורזאכע איז זייער לייכט צו פארשטיין . ער האט אים גימאכט דאש ער זאל נאר פאר דער וועלט זיין שיין . ער האט גיזעהין דאס נאר דיא אבנאווע זאל זיין וואול . אינוויינג אבר איז ער גיבליבין פוסט אונ הויל . דארטין ווידער אין יענעם הויף . איז אגרויסער צוא זאמען לויף . מע שפילט . מע פויקט . מע באמבעלט . עס האט זיך דארטין אגרויסער עולם פארזאמעלט . חיים חאיעטקעס דר הלפען . מאכט חתונה אטאכטער מיט ר׳ נתנאל דעם דאלפין .

דען



דען יענער איז איין אויפגיקומענער . אונ ר׳ נתנאלס אינגיל איז איין אויסגינומענער . דער צו איז דער חיים פון פראסטין שטאנד אונ דער מחותן איז דער גרעסטער מיוחס אין לאנד . נון מאכט דער חיעטקעס די חתונה מיט גרויס פאראד . מיט גרויס ארדנונג אונ מיט אגוטין לאד . עס ווערין ביי יעדין מאלצייט . גילאדין אלין אנדערע לייט . די שטאט איז דאריבער אין אגרויס לארעם מער וויא איינעם מאכט עס דעם קאפ ווארעם . איין אנדערער ווערט גאר אצוקאכטער . דאס דעם חיעטקעס טאכטער . זאל האבין אזוא איין הצלחה . צו באקומען אמאן פון אזו אגרויסע משפחה . אונ חאיעטקעס ווייב פאצט זיך אויף דעם בויך . שרייט זייער הויך . עס מעגין ווערין שונאים צוא שפרונגען . אבי עס האט אונז גיראטין אונ גילונגען . צוא געבין אונזער טאכטער שאסין . אזו אלייטעשין חתן . מיט אונזער געלט . קענען מיר איין האנדלען די בעסטע סחורה פון דר גאנצר וועלט . נון ווערט דארטין גיזונגען . גישפרונגען . גיהולעט . גיקולעט . גיטרונקען אונ גיגעסין . אונ אן אלע לייד פארגעסין . דיא קלעזמער זיינען דארטן צו פרידין . ווי סוחרים אויף גוטע ירידין . דאס גלייכין שפעסיל דער באדכען . ר׳ העניך דער שאדכן . די קעכין . דער בעטער . האבין נאך אגוטין ביסין אויף שפעטער . אלע זיינען דארטין לוסטיג . אונ טרינקען די משקה זייער דורשטיג . נאר איינע זיצט דארטן אין אהינקיל זייער פארקימערט . פר טרויערט אונ פאראומערט . וויינט אין שטילין . מיט טיפע גיפילין . וואשט זיך אין טרערין . גאר אן אויפהערין . עס קימערט זיך אבר קיינער אום איר . ניט איינער פון אויבין אן ביז דער טיר . אמת דאס איז

נאר

גאר די כלה ווער קען ניט שאפין . אויך מיר אזאך זיא וויל ניט
דעם חתן . זי איז דאך נאך אשיקקע אפארשלייערטע מיידיל .
עס וועט זיך איבער דרייען דיזער יונגער דריידיל . אונ אזוא
דרייט זיך אונ דרייט זיך אוועק יארין לאנג אונ דאס ענדע איז
דער פון אגט . אונ דאס וואר נאר וייל חתן אונ כלה האבין
פארהער ניט גיפאסט איינער פאר דעם אנדערין . זי וואר אמויד
פון איאר צווייא אונ צוואנציג ער קאם זיבענצין יאר . זיא איז
אחכמה אשיינע אקינד מיט בילדונג אונ ער וואר אשוואבינקער.
ניט קלוג . אונ העכסט אונוויסענד.אזו אגישיכטע האט גיטראפין
ביי אונז אין שטאט . די פאר פאלק זיינען גיווארין אומגליקליך
האבין זיך גישיידט . דיא עלטערין זיינען גיווארין בדלות .
דען דער שידוך וואר נאר גישעהין אום צו שיינען אווייליע פאר
דער וועלט אונ ווייטער ניט. אונ אזעלכע ביי שפילע האבין מיר
אלע יאר טויזענדע . אונ ווער עש וויל פאר אוועלט יוצא זיין
דער וועט עס גימאלס דאקאזין . דען יעדער מענש האט איין
אנדער דעה איין אנדער גישמאק אונ איין אנדער גוסט . די ליבט
זיך צו קליידין אין ווייסין אונ איינע אנדערע ליבט זיך צו קליידין
אין שווארצין אונ דריטע ליבט זיך צו קליידין גאר אין קאלירטע
קליידער.נוא מיינע טייערע לעזערין ווען דו ווילסט נאר אלעמען
גיפעלין זאג מיר וויא וועסט דוא זיך קליידין . דאהער איז דיא
בעסטע עצה דאס דוא זאלסט זיך אימער קליידין נאך דיינעם
אייגעם גוסט אונ נאך דיינעם אייגענעם נוצין אונ פשיטא שוין
דאס דוא זאלסט דיזין רעגיל פאלגין אין וויכטיגערע זאכין.גיב
דיין טאכטער אמאן וואש זאל פאסין פאר איר. אונ הויבט
זעבליך



זעבליך וואס זאל איר קענען גיפעלין . וויא דער עולם זאגט (את
בתי נתתי לאיש) פיר זיך אויף נאך דיין מעמד . אונ עס זאל
זיך דיר ניט וועלין שיינען פאר דער וועלט וואס דו ביזט ניט
באמת. ביזטו ארעם ווייז זיך ניט אין דער וועלט פאר רייך.
ביזט דו ניט גילערינט צייג זיך ניט פאר גיבילדעט. דען דער
פאלשער שיין קריכט באלד ארויס ווי די רויסגאלד פון אפאלשע
מטבע . אונ ווען מע איז שוין גינוג רייך אונ גינוג גילערינט
אונ גיבילדעט . דארף מען אויך ניט וועלין שיינען פאר דער
וועלט וואס איהרע מיינונג זיינען העכסט פארשידין אונ וואש
עס גיפעלט דעם איינעם לאכט זיך דער פון אוים דער צווייטער
אונ יוצא זיין פאר אוועלט קען קיינער מער ניט וויא יענער וואס
פאלגט דעם גראדין מענשין פארשטאנד אונ טוט כתורה ובמצוה.
אונ אום דיר מיינע לעזערין דיא זאך דייטליכער צוא מאכין מוז
איך דיר איין קליין גישיכטע דער צייילין :
לפנים אמאל איז זיך גינאנגען אין דער וועגינס אפאטער מיט
אזון . דער זון וואר נאך אקינד פון איאר דרייצין אונ
דער פאטער וואר אבן ששים . אונ האבין מיט זיך גיהאט אויך
איין אייזיל . דער פאטער האט גירייטין אונ דער זון איז זיך נאך
גינאנגין צוא פוס . קאם האבין זיא איין גירייזט איינע האלבע
שטונדע . אונ רייזענדער וואש האבין זיי באגעגענט האבין
דעם פאטער אויסגירעט ווארום זיצט ער אויף דעם אייזיל אונ
דאש קינד לאזט ער גיין צו פוס . נון איז דער פאטער אראפ
פון אייזיל אונ האט ארויף גיזעצט דעם זון אונ ער איז נאך
גינאנגען צו פוס . עס האט ניט לאנג גידויערט אונ נייע רייזנדע
וואש

וואש האבין זיי באגעגינט האבין אויס גיזעט דעם אינגיל וואס
ער זיצט אויף דעם אייזיל אונ לאזט זיין אלטין פאטער גיין צו
פוס . נון איז ביי זיי גיבליבין דאש זיי זאלין שוין ביידע צוא
זאמען רייטין אויף דעם אייזיל . קאם האבין זייא זיך ארויף
גיזעצט אויף אים . אונ דריטע רייזענדע האבין אן גיהייבין זיי
שטארק צוא זידלען דער פאר וואש זייא האבין גאר קיין שום
רחמנות אויף א בהמה . דא האבין דאהער שוין ביידע אן גיהייבן
צו גיין צוא פוס אונ האבין גיטריבין דעם אייזיל פאר זיך גאר
אליידיגין . נון האבין זייא אן גיטראפין באלד פערטע רייזענדע
אונ האבין זייא-אויש גילאכט. שטייט האבין זיי גיזאגט . זייגען
זיי משוגע אדער חסר דעה . מע זאל האבין ביי זיך-אגיזונטין
אייזיל אונ גייען אליין צוא פוס דא איז ביי זיי גבליבן אום גאר
יוצא צו זיין פאר אלעמען דאש זייא זאלין דעם אייזיל בינדין
אונ זאלין אים טראגין אויף זיך :

כן קורא נעים יתעה האדם את נפשו) אזוא ווייט מיין טייערער
לעזער אונ לעזערין קען זיך אמענש פארפירין ווען ער וויל
גאר לעבין נאך די מיינונג פון דער וועלט אונ זאל וועלין יוצא
זיין אלע דעות . דער בורא ברוך הוא קען כביכול אוועלט ניט
צוא פרידין שטעלין וויא דער מדרש זאגט אין אסתר אויף דעם
פסוק (לעשות כרצון איש ואיש אני איני יוצא ידי בריותי ואתה
כבקש לעשות כרצון איש ואיש) דאס הייסט אלס אחשורוש
האט גימאכט זיינע מאלצייטין האט זיך אים גיוואלט צו ערפילין
דארפין דעם רצון פון יעדין מענשין האט גאט ברוך הוא פון אים
גילאכט אונ געזאגט איך זעלבסט קען די לייטין ניט צו פרידין

מאכין



מאכין אונ דוא בשר ודם ווילסט אזוא אזאך דאקאזין . דאהער
איז דאש גלייכסטע דאש דו זאלסט אויסקומען מיט דער וועלט
גלייך אויף גלייך . עס זאל זיך דיר ניט וועלין הערשין איבער
איר . אונ זי זאל ניט הערשין איבער דיר . דאס דו זאלסט ניט
ווערין איין עבד צו אירע אונבאשטימטע מיינונגען אונ מאדעס
וואש ענטשטייען אונ פארגייען ווי איין שנייא איין נאסער . אדער
איין בלעזיל אויף דעם רעגען וואסער :

## ז

### אין דיזין קאפיטיל ווירד גישפראכין איבער דעם וואש דיא אלטע חכמים זאגין דאש דיא וועלט איז גיגליכין צוא איינעם וואהרין טעאטער אין אירע אלע ענינים :

כבר משלו החכמים מדורות עברו את העולם כלו לבמת
ישחק) דיא חכמים פון דיא פאריגע דורות . האבין
גימאשילט דיא וועלט מיט אלע אירע ענינים צו איין טעאטער
וויל יעדער מענש שפילט אין איר איין פאלשע ראלע . דער
גימיינער לאזט זיך פערפירין צו רעכענען זיך אונטער די גבירים .
דער נידעריקער ציילט זיך אונטער די גרויסע מענער . אונ וויל
קריכען אויבין אן וויא אום ערב יום כפור דיא ווייסע הענער .
דער מענש וואש איז שעדלאך . צייגט זיך פאר ערליך . קורץ
דער פון אין דיזער וועלט . איז יעדער פארשטעלט . ער איז
אנדערש ווי ער שיינט . אונ די ערליכקייט וואש ער קליימערסט

ליבט

ליבט האט ער גראדע פיינט. אונ אזוא אמענש וואש איז וויא אמעסער וואש האט קיין קלינג אונ עס פעלט אים דער צו נאך אשטיל. צייכינט זיך נאך גראדע אוים אין דיזעם פאלשין שפיל אונ אזוא זיינען אלע גיווארין. נאר פאיאצין אונ אקטארין. עס איז אבער זעלטין דאש מע זאל גוט אוים שפילען די ראלע. דאס רוב ווערין אוים גיפייפט אונ האבין די מפלה. אונ דאש איז וייל מע האט זיך צו פיל גיוואגט. ביי דעם לעצטין אקט: נון איז אבר דער ביי נאך זייער פיל אונטער צו שיידין. דארטן

אין טיאטער זיינען די אקטארין אונ אקטארקעס איין קליינר צאל אונ על פי רוב פון קליינעם שטאנד. די צו שויער אבער (דאש הייסט דער פובליקום וואש קומען זעהין) זיינען זייער פיל אונ זיינען אויך פון דיא גרעסטע נכבדים. אין דער וועלט אבער איז עס גראדע פרקערט. אקטארן זיינען אין איר דא לאלפים ולרבבות אונ גראדע פון דיא גרעסטע לייט אונ. צו שויער זיינן אין איר גאנץ ווייניג. אונ דיזע ווינציגע זייען אויך פון יענעם צאל מענשין וואש האבין גאר קיין ווערט ביי דעם עולם. דען עס איז גאנץ זעלטין אן צו טרעפין אזוא אמענשין וואס שפילט קיין ראלע אונ זאל מוט האבין אוים צו פייפין פובליצנע דיא שלעכטע שפילער. אויף דיזע ווינציגע צוא שויער (צוקוקער) קען מען זאגין דיא ווערטער (ראיתי בני העליה והמה מועטים) דאס הייסט איך האב באטראכטעט דיא צאל פון מענשין וואס שטייען גאר אויף דר גאלעריע אונ זעהין גאר צו דעם טיאטער פון דער וועלט אונ זייא זיינען גאנץ ווייניג:

חכמינו ז"ל אשר כל יקר ראתה עינם החודרת לכל) אונזערע

חכמים



חכמים זכרונם לברכה וואש זייער קלוגעם אויג האט אין אלעם איינגידרונגען. האבין דיזין ענין אויך פארשטאנען אויף דיזין אופן אונ האבין גיראטין דעם מענשין דאס ער זאל בעסר זיין איין צוא שויער אלס איין אקטאר. דען זייא זאגין דארטין אין קהלת (לעולם יהיה אדם מן הרואים ולא מן הנראים) דאס הייסט דער מענש זאל בעסער זיין פון יענעם צאל מענשין וואס זיינן די צו זעהער אדער צו שויער אלס ער זאל זיין פון יענעם צאל מענשין וואס לאזין זיך זעהין. דאס הייסט וואס שפילין דיא ראלע פון אקטארין:

**ומהיות** כי לא כל גבר יצלח להיות מצחק) אונ וויל ניט אלע מענשין טויגין צוא זיין אקטארין. אונ זעלבסט דער גישיקטעסטער אקטאר שפילט אפטער זיינע ראלין אויך ניט גוט אוים. דאהער ווערין פילע מענשין שטארק אוים גילאכט אונ פאראכט וויא יענע פרויען פון עגיפטין אויף דיא פעלדער ביי דעם ווייצין שניט ווי איך ווערדע באלד דא דר ציילין:

**בהיות** נאפאליאון הראשון עם חליו הגדול במצרים) אלס נאפאליאן דער ערסטער וואר מיט זיין ארמייא אין עגיפטין. איז ער אמאל ארוים גיגאנגען מיט זיינע גרעסטע יענעראלין אויף די פעלדער אום צו זעהין וויא עס גייט דארטין צו ביי דעם שניט. עס וואר אבער אין יענער צייט זייער היים אונ די שניטערקעס פרויען אונ מיידכען זיינען גיוועזן אן גיטאן נאר אין לאנגע בלאע העמדער. אונ וויל עס איז דיא זיטע (מאדע) אין יענע לענדער דאס פרויען זאלין זיך ניט ווייזין מיט אפענע גיזיכטער פאר מאנס לייט דען זיי גייען דארטין איטר

איין

איין גידעקט און פארשלייערט דם עס זעט זיך ארויס קאם זייערע אויגין האבין זייא זיך דאהער באלד וויא זייא האבין דער זעהין דיזע אראפייער פארדעקט זייערע גיזיכטער מיט זייערע העמדר און האבין דורך דיזע צוא גרויסע צניעות ענטבלעסט (נאקעט גימאכט) אזעלכע שטעלין פון זייער לייב וואש בלייבין איין גידעקט זעלבסט בייא דיא גרעסטע פרוצות. דיא פראנצויזין האבין זיך דאריבער זייער שטארק פונאיינאנדער גילאכט. און האבין עס גישטעלט אין ציימונג. העטין אבר דיזע פראנצויזי פריהער גיוועזן אין אונזער מדינה וואלטין זיי שוין עס פאר קיין חידוש גיהאלטין. דען מיר זעהין עס ביי אונז אלע טאג. דאס זייער פיל מענשין וואס זיינען מהדר במצות. שרייבין ספרי תורות. און קויפין טייערע עליות. און זיינען עובר אויף לא תלין פעולת שכיר. און אמאל גאר אויף דעם לאו פון לא תעשוק שכר שכיר. מע באצאלט קיין מלמד. קיין לערער. קיין דינסט. מע רייסט אפ א בעל מלאכה עס גיבין מאנכע גרויסע נדבות. און באצאלין קיין חובות. גייען גיקליידעט סארמאנט און באצאלין קיינע פאראטקעס. שטעלין זיך אן פאר אדעל לייט פאר גרויסע נדיבים פאר נגידים און לאזין ניט ארוף אויף זייער שוועל קיין ארעמען קרוב. קיין ברודער. זיי זיינען זייער פרום און קוקין ניט אויף פאטער און מוטער. און אזוא זעהין מיר ביי אונז נאך אזעלכע טויזנדע פאר קערטהייט וואש איך וויל דא ניט אויס שרייבין. און דם איז נאר ווייל דאס רוב עולם זיינען זייער שלעכטע אקטארין. דאהער איז פיל גלייכער גאר קיינע ראלע צוא שפילין אלס איינע שלעכטע צוא שפילין, און

ווען



ווען מען איז שוין איין גישיקטער אקטאר איז אויך דיא מיהע ניט ווערט דאס מע זאל זיך אזו פיל באמיהען פאר איין פאלשין כבוד וואס דויערט נאר וויא א שנייא וואס פאלט ארויס אום חול המועד פסח:

**הויפלאנד** הגדול שברופאים) הויפלאנד וואס ער וואר איינער פון די גרעסטע דאקטורים שרייבט אין זיין ספר (מיקראביאטיק) וואס עס איז אין אים גישריבין דורך וועלכע מיטלען דער מענש זאל מאריך ימים זיין. דאס דיא צבויאקס און די ראלען שפילער לעבין ניט לאנג ווייל עס קאסטעט זייא זייער פיל גיזונד און כוחות אום צו פארשטעלין זיך. דם הייסט אום צו שיינען פאר דער וועלט אנדערש וויא זיי זיינען באמת. און דאהער ווייל קיינער וויל זיך ניט ווייזין אין דער וועלט פאר א רשע זעלבסט ווען ער איז א רשע. און וויל דאך לאנג לעבין. איז דאך שוין די גרייכטסטע זאך צו זיין א צדיק באמת. און דאס איז דער וואהרער מיין פון דעם פסוק (יראת ד׳ תוסיף ימים. ושנות רשעים תקצורנה) דאש הייסט יראת שמים איז מאריך ימים. די יארין פון א רשע אבער זיינען ניט פון דויער:

**ומהיות** העולם הזה) און ווייל דיזער עולם איז גיגליכין צו איין טיאטר וואס אלס איז אין איר פאלש און פארשטעלט דאהער רופין אים אונזערע חכמים (עלמא דשקרא) און יענעם עולם וואס ער איז דורך אוס אמת רופין זיי אים (עלמא דקשוט) און ווייל דיזער עולם איז נאר אויף א ווײלע (צייטליך) דען מע פארזאמט זיך דא גאנץ ווייניג וויא אויף איין טיאטר און אין יענעם עולם בלייבט מען שוין אויף אייביג דאהער ווערט

רעכט

רעכט אן גירופין יענע וועלט אייביגער וואוינונג וויא דער פסוק זאגט אין קהלת (כי הולך האדם אל בית עולמו) אונ ווייל מע בלייבט שוין דארטין אויף אימער מוז שוין ממלא זיין דארטין איין (עלמא דקשוט) דאס הייסט איינע וואהרע וועלט אונ קיין טיאטער. דען וואו מע וואונט אויף אימער איז שוין אונמיגלאך זיך צו פארשטעלין. אונ דאהער איז דער שפריכווארט. מע קען אמענשין ניט קענען. וואו מע וואונט ניט מיט אים צו זאמען:
ולבן) אונ דאהער מיין טייערער לעזר אונ לעזערין. פיל גלייבר צו זיין איין צו שווער אדער צו שווערין (צוקוקרין) אויף אין דיזעם עולם אלם צו זיין איין אקטאר אדער אקטארקע ווס שפילין נאך הער צוא זייער שלעכטע ראלען אונ מען איז אין גיפאהר אוים גיפייפט צוא ווערין חלילה. (אוי לאותה בושה אוי לאותה כלמה):

## ח

**אין דיזעם קאפיטעל ווירד דער ציילט וויא דיא וועלט איז גלייך צוא איינער לאמענאציע מיט פייערווערק אונ מיט שיינע דעקאראציאנן (גמעלן):**

בקיץ העבר) אין דעם פארינין זומר האט מען גימאכט אשיינע לאמענאציע מיט גרוים ארטיגע פייערווערקע אונ מיט שיינע דעקאראציאנען (גימעהלין). עס וואר אונטערין שטאט אויף איין פרייעם פעלד לעבין דעם ברעג פון דער ווילע וואס פלישט דארטין לעבין הויכע בערג וואס זיינען באוואקסין מיט





גרויסע וועלדר אוים גישטעלט גיווארין פון מורלאטין אונ לאטין וואס ווארין דורך גיפלאכטין מיט יעלניק דיא פאסאדע (דיא פאדער זייטע) פון אגרויסין פאלאץ מיט זיילין. מיט בראמען. מיט אדלערין אונ הערבין אונ בוכשטאבין פון דער קייזערליכע פאמיליע. אונ די פאלשע פענסטער ווארין באהאנגין מיט זייער שיינע גימאלטע שטארין אונ דאס אלץ וואר ביא נאכט זייער פרעכטיג אוים גילומענירט מיט טויזנדע לאמפין דאס דם האט אוים גיזעהין וויא איין וואהרער גרויסער פאלאץ. דער צו נאך וואר דארטין גימאכט גרוים ארטיגע פייער ווערק. הונדערטע ראקעטין (ראציעס) האבין אלע ווילע אויף גישטראלט מיט פארשידנע פארבין אונ קאלארין. אונ אונטין האבין דער ווילע אויף גיגליט פייעריגע בוימער וואס האבין גישאטין פון זיך גאלדנע פרוכט. אונ אזוא אויך פלאמענדע רויזין. אונ בוקעטין בלומען וואש ווארין באשאטין מיט פייעריגע פליטערלאך אונ באשפריצט מיט קלארע פונקען וויא מיט טראפינס טויא. אונ אויך ווארין פארגישטעלט פייעריגע מילין מיט גליהענדע רעדר אונ נאך אזעלכע זאכין נאר אן אשיעור. עס האבין עס צוא גיזעהין טויזנדע מענשין מיט גרוים פרייד אונ מיט גרוים פאר גנינין. איך וואר אבער דער איינציגער אונטער זיי וואס איז גישטאנען דער ביי זייער גירירט אונ אומוטהיג. אונ האב עס באטראכט מיט אטרויעריגע מינע גלייך ווי איך וואלט דא וואש ליידליכס גיזעהן. אונ מיין הערץ העטע ווס ניט גוטס גישפעהן:
ולמה הנך נעצב בין השמחים שאלני אחד מרעי) אונ ווארום ביזט דוא אזוא עפעס מיר אזוא פארקימערט דא אין אזו

אין ארט וואו אלע זיינען פרייליך האט מיך גיפרעגט איינער פון מיינע גוטע פריינד. יעדער איז דא לוסטיג און מונטער און נאר דו אליין ביזט דא פאר טרויערט און העבסט פארזויערט:
על כי רואה אנכי בהמהוה הזה עניתיו) ווייל איך זעה אין דיזער שיינע אין קליינעס בילד אבער דער צו אין זייער טרויעריגעס בילד (דמיון) פון דיזער גרויסען וועלט האב איך אים אבגענטפערט · דיא ראקעטען וואש שפרינגען ארויש פון זייערע פאטראנען געוויקעלטע פאפירלאך מיט זויז און ברויז פון אונטען ארויף חיא איין שטראל וואסער פון אפאנטאן (דאש איז אמין ברונעם וואס זיין וואסער שפריצט אין דער הייך) שטייגען ביז צום וואלקען · שליינגעלען זיך זייער ווייט אונטער דעם הימל · און דער נאך בייגען זייא איר הויפט איין עטוואש צוא דער ערד טוען אגרויסען קלאפ און לעשין זיך אויס, זיינען אין דמיון פון יענע מענשען וואש הייבען זיך פלעצליך אויף פון זייער נידעריגען שטאנד און שטייגען זייער הויך מיט גרויש פורע און לארים גרייכען די העכשטע דרגא (שטופע) און קוקען אראפ אויף דעם אנדערין מיט גרויש פעראכטונג און דאן ווער זייא אויף איין מאל יורדים און זייער מפלה (שטורץ) הערט זיך זייער ווייט אין דער וועלט · דיא פייערווערק וואש ווערן גמאכט אין דער נידער וואש ברילוען אויך מיט טויזענדערלייא פייעריגע פארבן · און לעשן זיך אויש אויך באלד איינער נאך דעם אנדערן מיט איין קליינעם גערייש זיינען אדמיון פון יענע מענשן וואש בליצן אין דר וועלט מיט זייער שכל · מיט זייער יחוס · מיט זייער גלענצענדעם אויפפירונג מיט זייער השלמה · זיי

האבין



האבן די וועלט איין ווייל בעלויכטיגט מיט זייערע מעלות און מיט זייער אנזעהען און דער נאך פארשווינדן זיי פון דער ערד מיט אקליין גערויער און ווערן באלד פאר געסן · וויא דיא פייער ווערק וואש זיך אויסלעשן:

והפנסין) די לאמפען אבער זיינען אבילד (אדמיון) פון דעם מין האנוש · בדרך כלל · איין ליכט מאבער האט זייא אן גיגאסן פון איינערלייא חלב · און דאך גלייכט זיך ניט איין לאמפ צו דעם אנדערן אין קיין ענין · דען יעדער ווערט גישטעקט אין איין אנדער ארט · וואש איז העכער אדער נידריגער פאר דעם ארט פון דעם צווייטען · און דיזעס געשיהעט ניכט מיט בעדאכט און מיט קלוגעם איבער לייגונג און מיט אקלארם בערעכענונג · דען עס ווערט זייער אפט דר בעסטער לאמפ פערזעצט נאר אונטען · און איין קרעציגר און איין מוטנער לאמפ ווערט פערזעצט גאר אין הערב אדער אין דעם ווירדיגען נאמען זעלבסט ווייל דר שמוציגער און וויסענדר קומענקערער וועלכער די לאמפען איין געשטעקט נעמט זיך גאר קיין צייט אונטר צו שיידען און צו שארטירען די לאמפען אום צו פערזעצין זייא יעדערין וואו ער פאסט:

און אזוי אויך ברענט איינער העל און ליכטיג און אנדערער ברענט טונקעל און פינסטער · יענער לאמפ ברענט אוים ניך און באלד · און דיזער לאמפ ברענט גאר אצייט · און אין איין פערלויף פון דרייא שעה ווערדען שוין זיין אלע לאמפען ביז איינעם אויסגעגאנגען · און יעדער דורך איין אנדער סבה בייא דעם ווערט צו שפרונגען דאס גלאז · און בייא יענעם איז

קורץ

קורץ דער קנייטיל · בייא איינעם אנדערען ווידער איזט ווייניג חלב · אונ ווידר בייא נאך איינעם וועט אווינט אויסלעשן דעם פייער · אונ אזוי אויך וועט מאנבער אויש פלאקערן · ארונטער פאלן · אדער קוימענקערער וועט אים בביזן אויסלעשן כדי ער זאל פון אים דעם חלב באקומען :

נון זיינען מיר מענשן אין יעדעם הינזיכט גלייך צו דיזע לאמפען · מיר זיינען פונקט וויא זיי אלע פון איינערלייא מאטעריע געשאפען · איין מייסטער האט אונז אלעמען געמאכט · אונ אין איין דעלבען אויזען גלייך געבאקען · דען מיר זיינען אלע ילוד אשה . אונ דאך גלייכין מיר זיך ניט אוים איינער מיט דעם אנדערין אין קיין ענין . איינער איז גיהייבין . אונ דער אנדרר איז איין שפל. אונ גראדע דער נאר. ווערט אהאר . ווי דער פסוק זאגט (נתן הסכל במרומים רבים) אונ דער חכם מיט דעם פיינעם חאראקטער בלייבט פאר אבט. פאר שפאט אונ פאר לאכט. אונ אזוא לעבט מאנבער פרידליך אונ פרייליך אונ איין אנדערער לעבט אימער טרויעריג אונ באזארגט. איינער איז גיזונד אונ איז מאריך שנים. אונ איין אנדערער האט קיצור ימים: אונ אין אמשך פון פערציג יאר. שטארבט אוים איין גאנצער דר. אונ יעדער אלין דורך איין אנדער סבה. דער ברעכט אוים אגליד. אונ דער האט עפעס איין איינעווייניגסטען מאנגעל. איין אנדערער בריינגט אוים גלאט זיינע כוחות אין גיזעץ. אונ ווידער איינער האט אוים גיצערט זיין לעבענס זאפט דורך צוא פיל תענוגים אונ תאות עולם הזה. אונ אזוא אויך ווירד מאנבער ערשלאגן אונ אוים גירויבט. אונ אפט שטארבט מאן

גאר



נאר דורך אפאפלעקציע ר"ל . דאש הייסט דער לאמפ איז נאר אוים גילאשן דיא חלב איז גיבליבין אין גאנצין :

אונ די גימעלין פון דער לאמענאציע זיינען אויך אדמיון צוא דיא טייערע אונ שיינע קליידער צוא דיא קליינאדין וואס האבין גיצירט דם מענשין בחייו . זיי זעהין אוים נאך זיין טויט ווי יענע שיינע שטארין אין דער אוים גילאשענע לאמענאציע . דאס הייסט ווי טייערע גארדינען אין די פענסטער פון אחורבה וואס עס וועט ווערין פון איר באלד גרוז אהורבע :

רעי שמע וישתאה) מיין פריינד האט אוים גיהערט מיינע באטראכטונגען אונ האט זיך זייער שטארק פר וואונדרט אונ האט מיך גיפרעגט נון נאך דיינע רייד האט דאך שוין אמענש קיין ארט וואו פריילאך צוא זיין . גאנץ גיוויס האב איך אים גיענטפערט . עס איז זיך אויף ערדין ניט צו פרייען . דען מע רופט דיא וועלט (עמק הבכא) דאס הייסט . יאמער טאל . עס האט זיך נאך ביז איצונד אויף דער ערד-קיין מענש גיפרייט איינע וואהרע פרייד . אונ ווען איין מענש איז לוסטיג איין נאכט דא איז ער נאך דעם אומטהיג צווייא טעג . אונ באצאלט עס מיט שווערע ציגזין (פראצענט) אונ דאהער זאגט אגרויסער חכם. דער מענש איז ניכט צוא פריידין גימאכט . דאהער ווינט זיין אויג ווען ער הערצליך לאכט. אונ אזוא זאגט אויך דער פסוק (גם בשחוק יכאב לב.ואחריתה שמחה תוגה) (משלי י"ד י"ג) וואהרע פריידין אבער אונ ריינע פארגעניגען קען דער מענש האבין נאר בשעת ער טוט גוטעס (טוגענד) אדער בשעת ער איז עוסק אין אדבר תורה וחכמה . ווי דר אלטער שפריכווארט

זאגט

זאגט אין שמחה כהתרת הספקות. דאס הייסט עס איז אין דער וועלט ניט דא נאך אזוא א שמחה וויא די שמחה פון אחאב וואס ער האט בשעת עס ערקלערט זיך אים יענע הומרא וואס ער האט איר ביז אהער ניט פארשטאנען:

## ט

## דיא באשטימונג פון מענשין' דאס הייסט פון זיין תכלית אין דיזעם עולם:

עס וואר אמאל אין דער שטאט אילון איין גיוויסער מאן וואס מע האט אים גירופין דער וויצליגג ווייל ער פלעגט אימער צו זאגין וויצין (דאס הייסט שפיציגע גלייבע ווערטלאך). ער וואר איין גרויסער חכם אונ איין בראווער מאן. אבער דאך וואר ער אין שטאט ניט באליבט ווייל ער פלעגט איבער יעדין גביר אונ איבער יעדין נכבד צו אאיד צוא אקריסט זאגין אוויץ וואס האט זיך אפגיגעבין מיט דער ווארהייט. אונ די ווארהייט וויל דאך קיינר לידין. אונ דאהער פלעגט מען אים אפט אריין זעצין אין דר פאליציי אונ אמאל אויך אין אסטראג. ער פלעגט זיך אבער דארטין אויך ניט קענען לאנג איין האלטין. ער פלעגט צו זאגין דארטין אפט אשארפין וויץ איבער אצינאווניק וואס דארטין איז פלעגט ער אים באלד ארויס יאגין אונ דאן האט דיא שטאט פון אים ווייטער גיליטין. ביז עס איז גיבליבין ביי אלעמען דאס מע זאל אים אן געבין פר משוגע אונ מע זאל אים אריין זעצין אין משוגעים הויז אונ מע האט עס אויך גיפירט זייער לייכט

ווייל



ווייל דיא דאקטורים אונ איין גיוויסער פראפעסער פון דער פילאזאפיע וואָרין אים תמיד גרויסע שונאים ווייל ער פלעגט זיך אימער לוסטיג צוא מאכין איבער זיי אונ דיזע אלע פרוביר מייסטער פון מענשליכען פאר שטאנד האבין גימאכט אויף אים איין אקט דאס ער איז איין פאריקטער (משוגע) אונ מע האט אים אריין גיזעצט אין משוגעים הויז. אונ ער האט דארטין באקומן נאר דיא קאלטע וואנעס. מיט גאר דיא קאנעס. אונ קיין וויץ איז אים שוין דארטין גיקומען צוא ניץ:

אך האמת הנרדפת יאמר החכם) דיא פאר יאגטע ווארהייט אבר. זאגט איינער פון די חכמים. איז ווי איינע ליידיגע פלאש וואס איז גוט פארפראפט אונ איז אונטער דעם וואסער אונטערגעדריקט דאס ביי דער ערסטין אונ בעסטין גילעגינהייט האפט זיך ווידער ארויף אונ אזו וואר דא אויך מיט אונזער יאקאב דען מיט אפאר שטונדין בעפאר מע האט אים אין משוגעים הויז איינגיזעצט האט ער זיך אונטער גישריבין אלס צייגע (עדות) אויף אגרויסע צוואה פון אגרויסין עושר. אונ קיינער האט דער פון ניט גיוואוסט ביז דיזער עושר איז אין אפאר ארום גישטארבין. אונ דאן האט מען גיוואלט דיא צוואה מבטל זיין ווייל דער עדות איז דאך משוגע. אונ דיא יורשים פון דער צוואה האבין דאס איינגיווענדעט אונ האבין גישריען דאס דער יאקאב וואר דאן קיין משוגע אונ איז נאך איצונד אויך קיין משוגע. נון וואר דער פון אגרויסער פראצעס. אונ עס וואָרין אראפגיבראכט דאקטורים פון דר הויפטשטאט זעלבסט אונ מע האט גירופין דער צוא אויך דעם פילאזאף אליין מיט אלע זיינע

קאלעגען

קאלעגן (חברים) אום צו באזוכין דעם יאקאב צו ער איז ווירקליך
משוגע אדער ניין . זיי זיינען גיקומען אין באנגע פראטיל . אונ
האבין אים דער וויסט אונטער איינע אייזערנע גראטע . בלייך
אונ קראנק ליגט אויף איין בינדיל שטרויא אונ שלומערט . מע
האט אים אויף גיוועקט אונ מע האט זיך אן גיהייבין מיט אים
פונאיינאנדער צו ריידין . קאם האט ער אבער דער זעהין דעם
פראפעסאר פון דער פילאזאפי . דא האט ער זיך פאר געסין
אן אלע זיינע ליידין אונ קלאגין אונ האט אן גיהייבן צו וויצלען
זיך איבער אים . אונ האט צו אים גיזאגט ווען עס וואר איז דאס
איך בין משוגע אונ דוא ביזט קלאר . אט זאג זע מיר די דרייא
זאכין וואס איך ווערדע בייא דיר פרעגין . ערקטינס פון וואנען
קומען מיר . צווייטענס וואו אהין גייען מיר . דריטינס וואס איז
אונזער באשטימונג (תכלית) אויף דיזעם עולם . א דיזע אלע
דריי פראגין . האט אפגיענטפערט דער פראפעסאר זיינען זייער
שווערע שאלות . אונ יעצט זעט מען אויף קלאר דאס ער איז ניט
ביי דעם גיהעריגין פארשטאנד . דען עס איז שוין לאנג באוואוסט
וואס איין נאר קען אן פרעגין אין איינער שטונדע קענען עס
צעהין חכמים ניט אפענטפערין אין צעהין מאנאטין . נון האבין
זיך אפ גירופין די דאקטורים פון דער הויפטשטאט . גראדע
אומגיקערט זיין שאלה איז פון אתחכם . נון ווילין מיר הערין וואס
זיי ווערדין אנטוואורטין אונ וואס ער וועט זיי איינווענדין :

ויפתח הפילסוף את פיהו) דא האט דער פילאזאף גיעפינט זיין
מונד אונ הט אן גיהייבין צו ריידין זיינע פילאזאפישע
ווערטער לטיינישע גריכישע אונ האט אן גיהייבין צוא מאכין

גרויסע



גרויסע הקדמות אונ האט אוים גירעכינט אלע דעות אינ שיטות
(זיסטעמען) פון אלע חוקרים :

ואז) אונ דאן האט זיך אפגירופין יאקאב איך ווערדע אייך מיינע
הערין דאס ערקלערין מיט קורצע ווערטער . איר וועט
מיר עס זייער לייכט פארשטיין . אונ זעלבסט ער אליין . וועט
מיר מודה זיין דאס איך האב רעכט . אונ דם מיין פארשטאנד
איז נאך איצונד אויך ניט שלעכט . איך וויל נאר דאס מיר זאלין
ארויס אויף דעם הויף . איך ווערדע אייך דארטין איין עטוואס
ווייזין אונ דאן ווערין מיר זיין צוא ענדע :

ויוצא אותו החוצה) נון האבין זיי אים ארויס גיפירט דרויסין .
אונ דאן האט ער צו זיי גזאגט זעט איר דיזען וואלקן ציען
אויף דעם הימל ער איז זייער שווער באלאדין מיט וואסער אונ
איילט זיין וועקס . פון וואנען קומט ער אונ וואו הין פאהירט ער
אונ וואס איז זיין צוועק (תכלית) :

ויתרישו כלם) עס האבין אבער אלע גישוויגין ביז ער זעלבסט
האט דארויף דעם אנטווארט גיגעבין . דר וואלקין קומט
פון מער . אונ פאהירט צום מער . אונ זיין צוועק איז דאס ער
זאל די ערד באפייכטין אונ פרוכטבאר מאכין . אונ אזו דער
מענש אויך . ער קומט פון גאט אונ גייט צוא גאט אונ זיין
באשטימונג איז דאס ער זאל דא אויף ערדין נאר גוטעס טאן :

וישתאו כלם לשמוע) נון האבין זייא זיך אלע זייער שטארק
פארוואונדערט צוא הערין פון דיזעם יאקאב זעלכע
שיינע רייד אונ האבין זיך מיט אים אצייט אונטער האלטין אונ
האבין איין גיזעהן דאס ער איז באמת איין איש חכם

אונ

אונ ער זיצט דא נאר ווייל ער האט צוא פיל שכל :

ויוציאו אותו מהמהפכת) נון האבין זיי אים ארויס גינומען פון דיזן נארינהויז אונ האבן אים גבראכט אין שטאט מיט גרויס כבוד . אונ האבין דעם קיניג גיגעבן צוא וויסין די גאנצע גישיכטע פון דיזעם יאקאבין דא האט דער קיניג גיהייסין דאס מע זאל דעם פילאזאפע אריין זעצן אין משוגעים הויז אן שטאט דעם יאקאב . אונ ווייל ער איז איין פאלשער מענש זאל מען פאסלען אלע פאפירן אויף וועלכע ער איז אונטער שריבין . אונ האט אויך באשטימט דאס מע זאל דם יאקאבין געבין אלע יאר פינף הונדערט טאלער גינאדין געלט ווייל דיזער האט דר קיניג גיזאגט ווערט מיר דיא שטאט בעסער איין האלטין אלס דיא שטרייגסטע פאליצייא דען יעדער ווערט זיך שוין היטין צו טאן וואס רוהיגעס אדער אובריגעט . דאמיט יאקאב זאל ניט ליידין פון אים וואס שלעכטעס . נון מיין טייערער לעזער אונ לעזערין יעצט ווי מיר ווייסין שוין אויף קלאר אונזר באשטימונג וואו על פי דין תורה אונ אזוא אויך על פי סברה איז אונזער שולדיגקייט צו זיין אויף דער וועלט גאר אנשים ישרים יראים אונ שלמים וויא דער פסוק זאגט אין קהלת (סוף דבר כו׳ את האלהים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם) דאס הייסט דאס איז דער צוועק אונ דער תכלית פון דעם מענשין אין דיזעם לעבין :